

# פארברענגען עם הרבי

התוועדות
י״ט כסלו ה׳תשמ״ב

# FARBRENGEN WITH THE REBBE

אידיש

פארברענגען עם הרבי

# פארברענגען עם הרבי
**י״ט כסלו תשמ״ב**

Published and Copyrighted by

ועד תלמידי התמימים העולמי ©

770 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213
Tel: 718 771 9674
Email: sichos@vaadhatmimim.org
VAADHATMIMIM.ORG

השיחות שבקובץ זה
נדפסות באישור ובאדיבות
״ועד הנחות בלה״ק״
ותודתנו נתונה להם.

# מפתח


מאמר פדה בשלום . . . . . . . . . . . . . . . . . . 3

שיחה ב. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 16

שיחה ג. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 23

שיחה ד. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 32

שיחה ה. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 35

שיחה ו. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 47

שיחה ז. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 64

שיחה ח. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 64

שיחה ט. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 78

**בס"ד. מאמר פדה בשלום, י"ט כסלו ה'תשמ"ב.**

(הנחה פרטית בלתי מוגה)

# א.

פדה בשלום נפשי מקרב לי כי בְרבים היו עמדי. וואָס דאָס איז דאָך דער פסוק וואָס דער בעל הגאולה, ווי ער שרייבט באגרת שלו הידוע[ה], איז דאָס פאַרבונדן מיט זיין גאולה, וואָס ווען פתח בפסוק זה, וקודם שהתחיל דעם פסוק שלאחריו, אָט דעמאָלט איז נתבשר טוב ויצא בשלום מאלקי השלום. און דערפאַר איז דאָך אויך כמה דרושים פון תורת החסידות פאַרבונדן מיט יום הגאולה פון י"ט כסלו איז דאָך אויך הויבן זיי זיך אָן און זיינען מיוסד על כתוב זה. וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז נוסף וואָס "אין מקרא יוצא מידי פשוטו", אַז דאָס האָט געזאָגט דוד מלך ישראל, דער "פדה בשלום נפשי מקרב לי כי ברבים היו עמדי" – האָט ער דאָס געזאָט אויך אַלס "נעים זמירות ישראל"; נוסף אויף זיין מלחמה וואָס איז געווען דעמאָלט, דער "קרב לי" – איז דאָס אויך דערנאָך "זמירות ישראל" באַ יעדער אידן במשך כל הדורות, וואָס ס'איז דאָך אויך דאָ דער ענין פון "קרב לי" – בעט מען באַ דעם אויבערשטן, און דער אויבערשטער איז מקיים די תפילה, אַז ס'ווערט דער "פדה **בשלום** נפשי מקרב לי כי בָרבים היו עמדי".

# ב.

און דער דרך ווי אַזוי צו באַקומען די פדי', איז דאָך ווי די תורה שבעל פה – וואָס דאָס איז "פירושה" פון תורה־שבכתב – איז מפרש אויף דעם פסוק (אין מסכתא) ווי עס ווערט געבראַכט אין מסכתא ברכות, אַז "כל העוסק בתורה וגומל חסדים ומתפלל עם הציבור מעלה אני עליו כאילו פדאני לי ולבני מבין האומות, שנאמר פדה בשלום נפשי מקרב לי כי בָרבים היו עמדי". וואָס "שלום" גייט דאָך דאָס אויף תורה, וואָס (דרכי' שלום) (כל) "דרכי' [דרכי נועם וכל נתיבותי'] שלום"; גומל חסדים מאַכט דאָך שלום (בין הנותן והמקבל) בין הגומל חסדים והמקבל החסדים; "כי

בָּרבים היו עמדי״ – דער תפילה בציבור. וואָס בכללות איז דאָך דאָס אויך די ג׳ דברים שעליהם העולם עומד, דער ״עולם קטן״ זה האדם, אַז ער זאָל זיין ״עומד״, ״פדאני״ פון גוי׳אישקייט, ״מבין האומות״ – דאַרף ער האָבן די ג׳ דברים, תורה און עבודה און גמילות חסדים. וואָס דער ענין פון עבודה איז דאָך (תפילות במקום ת) ״תפילות במקום קרבנות תקנום״, וואָס עיקר התפלה איז דאָך די תפילה וואָס ווערט אָנגערופן בשם תמיד, תפילת **הציבור** – דער ״מתפלל עם הציבור״, אַז דער ״בָּרבים״ ווערט דאָס אַן ענין אויך אין אַ תפילת רבים, וואָס דאָס איז בדוגמא פון קרבן תמיד, ״עלי׳ השלם כל הקרבנות כולם״, וואָס דאָס איז אויך די ג׳ קוים, כאמור, פון תורה און תפילה און גמילות חסדים וואָס עליהם העולם קטן זה האדם עומד.

## ג.

כדי ער זאָל מצליח זיין און מנצח זיין במלחמה שלו, ב״קרב לי״, וואָס די מלחמה איז [אין] אַן אופן פון ״קרב״, אַז מ׳שטייט **בקירוב**, ווי דער בעל הגאולה זאָגט אין תניא, אַז ס׳איז דאָ דער ענין פון לב, וואָס ״ליבא פליג לכל שייפין״, איז אין לב איז דאָ די שני חללים, דער ״לב חכם לימינו״ און ״לב כסיל לשמאלו״, דער ״מלך זקן וכסיל״, און (דער לב) אין חלל הימני – דער ״נפש השנית בישראל היא חלק אלוקה ממעל ממש״, און זיי שטייען דאָך אין דעם זעלבן לב, ״בקרב״, בקירוב מקום – זיי שטייען אָבער אין אַן אופן פון ״קרב״, ווי דער אָפּטייטש פון ״קרב״ ענין של מלחמה, ווי מ׳זאָגט דאָך אויך אַז דאָס איז מימינו און דאָס איז משמאלו, ווי ער זאָגט (ווייטער) שפּעטער אין תניא, ״ולאום מלאום יאמץ״, ״כשזה קם״ איז ״זה נופל״ – קען דאָך דאָס זיין אין פאַרשידענע־ערליי אופנים, בעט מען אַז ס׳זאָל זיין אין אַן אופן של ״שלום״, ״פדה **בשלום** נפשי״, און מ׳גיט אויף דערויף דעם טעם ״כי ברבים היו עמדי״.

## ד.

וואָס איינער פון די ביאורים איז דאָך: אַזוי איז דאָך בכלל (לחמא אפום נהמא תיכול) [״נהמא אפום חרבא ליכול״], ״אשר לקחתי מיד האמורי

(בצלותי ובב) בחרבי ובקשתי", ווי ער טייטשט־אָפּ אין תרגום "בצלותי ובבעותי", איז דאָך דאָס אַן ענין פון חרב וקשת. ס'איז אָבער דאָ דער ענין אַז ס'איז טאַקע דאָ דער "קרב", אָבער מ'גייט אַרויס פון דעם "קרב" דורך דעם אופן של **שלום**, וואָס דאָס איז ווי ער טייטשט אָפּ אין גמרא – דער ענין התורה, וואָס תורה זאָגט מען דאָך אויף דערויף "בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין", אַז דורך דערויף וואָס ער לערנט תורה בשופי, ער איז מרבה בלימוד התורה, איז דאָס גופא איז מה־דאָך אַז ("מעט אור" פון תורה איז "דוחה חושך") "מעט אור" פון "תורה אור" איז "דוחה חושך" פום דעם "לב כסיל לשמאלו" – על אחת כמה וכמה אַז ער איז מרבה באור, איז ער "מרבה שלום בעולם", (כאמור) כמאמר חז"ל "תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם שנאמר וכל בנייך לימודי הוי'", אַז יעדער איד, וואָס יעדער איד זאָגט דאָך אויף אים דער אויבערשטער "בני בכורי ישראל" ו"בנים אתם להוי' אלקיכם", זיינען זיי יעדערער "לימודי הוי'" – תלמידים פון דעם אויבערשטן, וואָרום יעדער איד איז דאָך ווי דער פסק־דין הרמב"ם, [פון בעל המחבר אויך פון "מורה נבוכים" שבימיו ובמשך הדורות], איז "לבו ער להקב"ה ולמצוותיו", און "לבו ער" איז אַזאַ אופן ווי דער פסק־דין איז, אַז רצונו **האמיתי** איז, ווי ער איז אַ נשמה מלובשת בגוף, אויף מקיים־זיין דעם אויבערשטנ'ס רצון אין אַ מצוה בפועל וב־מעשה – איז דאָס אַלעמאָל "ער", אפילו ווען "אני ישנה" בגלותא, וואָס דאָס איז דאָך דער פסק־דין אויך בזמן הגלות בכל התוקף. און דעמאָלט איז ער "לאום מלאום יאמץ" – ווערט דער ענין הפדי' אין אַן אופן פון **שלום**, ניט ווי (לחמא אפום נהמא תיכול) ["נהמא אפום חרבא ליכול"], מיט גדרים והגבלות וכו', נאָר ער לערנט תורה, וואָס "ארוכה מארץ מדה ורחבה מיני ים", און לערנט דאָס בהתמדה ושקידה, אָן מדידה והגבלה פון הגבלות פון זיין גופו ונפשו הבהמית, איז ער מוסיף בזה אין "תורה אור" – איז אָט דעמאָלט בדרך ממילא איז "דוחה חושך", דעם חושך פון דעם יצר הרע, און דאָס ווערט ווי די גמרא זאָגט אויף דערויף דעם לשון "**תבלין**", וואָס "תבלין" איז דאָך ענינם וואָס זיי זיינען ממתק את התבשיל, זיי מאַכן זיס דעם תבשיל, וואָס בלאו הכי איז ער מר, אַז דורך

דערויף ווערט דער "ואהבת את הוי' אלקיך בכל לבבך", בשני יצריך, אַז (ס'ווערט) על ידי ה"תבלין" ווערט "(ואת) [וגם] רשע ליום רעה" — דער "לב כסיל לשמאלו" ווערט דאָס - - די גאַנצע באַשאַפן זיינע איז דאָך געוועז כדי מ'זאָל מאַכן פון דעם "רעה" זאָל מען מאַכן "יום", אַז דאָס זאָל אָנהויבן לייכטן, ווערט דאָס אויפגעטאָן בדרך **שלום**, על ידי ענין פון לימוד התורה **והוספה** בה, ביז אין אַן אופן אַז דאָס איז אויך "מרבים שלום **בעולם**" — אין "עולם קטן זה האדם", אַז ער דאַרף ניט אָנקומען צו מלחמת היצר אין אַ דרך ארוכה וקשה, נאָר דאָס ווערט אין אַ דרך קצרה און אַ דרך קלה, על ידי הריבוי אין לימוד התורה אין אַן אופן וואָס "לימוד מביא לידי מעשה" — קיום המצוות **בהידור**.

## ה.

וואָס אָט דעמאָלט איז אויך, אפילו אַז ס'איז דאָ "גיבורים" און אפילו אַז ס'איז דאָ חזקים, מיט די אַלע ענינים וואָס ער רעכנט אויס; וויבאַלד אַז מ'איז אָבער "עוסקי תורתיך" און מ'איז מקיים המצוות בהידור, ביז אין אַן אופן פון "מהדרין מן המהדרין" — איז אָט דעמאָלט ווערט "מסרת גיבורים ביד חלשים", אַז אף על פי וואָס "מאן קצירי ומריעי דאָ רבנן", איז אָבער זייער תשות כח איז דאָס מצד **התורה**, וואָס נקרא "תושי'" — איז דאָס אַזאַ אופן פון תשות כח, "מריעי וקצירי", וואָס זיי פועלן אויס אַז ס'זאָל זיין דער "פדה . . מקרב לי" אין אַן אופן דוקא פון "**בשלום**", ביז אין אַן אופן פון לימוד התורה בשלום אין תורה גופא, וואָס דאָס איז דאָך דער לימוד פון פניות התורה, וואָס "לית תמן לא קשיא ולא מחלוקת ולא ורמינהו", ווי דער בעל ההילולא איז מאריך אין אגרת הקודש שלו, מיוסד אויף דברי ספר הזהר פון ר' שמעון בן יוחאי, וואָס "בהאי ספרי (דידי') דילך יפקון מבי גלותא **ברחמים**" דוקא, אין אַן אופן פון "שלום".

## ו.

וואָס דאָס איז אויך די הוראה בפועל לכל אחד, בכל מקום ובכל זמן, אויף מרבה זיין אין לימוד התורה וקיום מצוותי' בהידור, ביז "מהדרין מן המהדרין", ובהקדמת פון "ברכו בתורה תחילה", וואָס דאָס הויבט

זיך אָן דורך דערויף וואָס ער איז ״מתפלל עם הציבור״, כידוע דער אָפּ־טייטש אין תורת החסידות, אַז ער קלייבט צוזאַמען די אַלע עשר כוחות נפשו האלקית, און זיי זיינען אין זיך כולל אַלע עשר כחות נפשו בכלל, און ער איז מתפלל מיט די אַלע כוחות - אָט דעמאָלט ווערט דער ״בָּרבים היו עמדי״, אַז ס׳ווערט אויך בדוגמא ווי מ׳זאָגט אין פשוטו של מקרא אַז ״ברבים״, אנשי אבשלום זיינען געווען מיט דוד׳ן, אַזוי ווערט אויך אין דעם ״ קרב״ פון יעדער אידן במלחמתו צווישן דעם נפש האלקית מיט דער נפש הבהמית, וואָס דאָס איז אַן אופן של ״קרב״, וואָרום יעדערן האָט מען געגעבן נפש האלקית וואָס זי שטייט **בקירוב** און קען זיך פאַרמעסטן און קען מנצח־זיין זיין נפש הבהמית, וואָרום ״אינו מבקש אלא לפי כוחו״, און מנצח־זיין ווי דער אויבערשטער וויל, וואָס ער איז דאָך ״אלקי השלום״, ווי ער וויל – אויך אין אַן אופן פון ״**שלום**״, אַז ס׳זאָל זיין דער ״פדה בשלום״, וואָס בכללות ווי די גמראז אָגט ״הלומד תורה לשמה״ איז ״משים שלום בפמליא של מעלה ובפמליא של מטה״, ווי דער בעל הגאולה טייטשט דאָס אָפּ ״בפמליא של מטה״ – (צווישן דעם נפש ה) שלום צווישן דער נפש האלקית און דער נפש הבהמית, אַז ס׳ווערט ״בכל לבבך״ – ״בשני יצריך״. דאָס ברענגט אויך אַראָפּ ״בפמליא של מטה״ כפשוטה – ביז אין עולם הזה הגשמי והחומרי, אַז מ׳מאַכט פון די חומריות זאָל בלייבן מערניט ווי גשמיות, און די גשמיות איז מען מאיר מיט ״נר מצוה ותורה אור״, בדוגמא ווי מ׳זאָגט בנוגע צו נר חנוכה אַז ״מדליקין על פתח ביתו מבחוץ״, און דאָס איז מאיר אויך אין רשות הר־בים, ביז וואַנענט אַז ס׳ווערט ״כליא ריגלא דתרמודאי״, אַז ס׳ווערט בטל אפילו דער ״רגל״ און דער סוף און די שיריים (פון די זאַכ) פון ״תרמו־דאי״ אותיות ״מורדת״, און אומעטום איז מושל ושולט (כשם שאני נקרא כך אני נקרא) ״כשם שאני נכתב כך אני נקרא״, ״הוי׳ אחד ושמו אחד״.

## ז.

וואָס די התחלה בזה הויבט זיך אָן דורך דערויף וואָס ער שטעלט־איין ״עולם קטן״ שלו אין אַן אופן (פון עוסק ב) וואָס ״עוסק בתורה ובגמי־

לות חסדים ומתפלל עם הציבור״, תורה עבודה און גמילות חסדים בש־לימותם וכדבעי, וואָס דורך דערוף ווערט ער אַן ״עולם עומד״ און אַן ״עולם קיים״, און דאָס ברענגט אַריין אין עמידה וקיום אין עולם כפשוטו, אַז דאָס ווערט אַן עולם וואָס פירט זיך ווי דער **אויבערשטער** וויל, וואָס דער אויבערשטער וויל דאָך אַז ס׳זאָל זיין דער ״יד ישראל על העליונה״, ביז וואַנענט ווי מ׳האָט געלייענט אין דער פרשה שבת ש״מיני׳ מתברכין כולי יומי״, אויך דער י״ט כסלו, אַז ״ויפול על צואריו וישקהו (ויפול על צואריו) ויבכו״, אַז עשו איז געוואָרן דער ״וישקהו״ – מסייע לכל אחד ואחת מישראל. על דרך זה בימינו אלו, און ווי דער מיטעלער רבי ברענגט אויך אַראָפּ אין די דרושים פון ״פדה בשלום״ אין דרושי התפילה שלו, אַז דעמאָלט וועט זיין דער ״והיו מלכים אומנייך ושרותיהם מניקותייך״, און אין אַן אופן פון ״פדה בשלום״ אַז ס׳איז אינגאַנצן ניטאָ קיין מנגד – בדוגמא ווי ס׳איז געווען בימי שלמה, אַז ״שלום ושלוה יהי׳ בימיו״, אַזוי וועט דאָס זיין במהרה בימינו ממש בימי מלכא משיחא, וואָס יבוא (ויוליכנו ויגאלנו קו) ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, וואָס דעמאָלט וועט זיין דער ״שלום ושלוה יהי׳ בימיו״, און ״אז אהפוך אל כל העמים (כולם שכם אחד לעבדו) שפה ברורה ולעבכדו כולם שכם אחד״, במהרה בימינו ממש, ובשמחה ובטוב לבב.

**בס״ד. התוועדות י״ט כסלו ה׳תשמ״ב**

**הנחה פרטית בלתי מוגה** **שיחה א.**

**א.** ס׳איז א מנהג ישראל, אז בשעת מ׳קלייבט זיך צוזאמען צוליב א מאורע מסוים, צוליב א ספעציעלע געשעעניש, אע״פ וואס דאס איז ניט דעם ערשטן מאל און ניט עטלעכע מאל, נאר א סאך מאל, במילא איז דאך לכאורה פארשטאנדיק, און יעדערער ווייס די סיבה, צוליב וואס מ׳האט זיך צוזאמענגעקליבן,

ביחד ע״ז איז דאך באוואוסט אויף וופל לויט תורה, תורתנו הקדושה, וואס ווערט אנגערופן ״תורת חיים״, הוראה בחיים, אין טאג־טעגלעכן לעבן, אויף וויפל יעדער רגע פון זמן איז טייער, און דערפאר מוז מען אים אויסנוצן אין דעם בעסטן אופן און א שלימות׳דיקן אופן, און ניט ח״ו עס זאל אוועקגיין אויף אן ענין ללא תועלת, וואס איז ידוע ומפורסם בלאה״כ,

בפרט נאך, א זמן וואס איז פארבונדן מיט א ״יום סגולה״, וכידוע דער לשון פון ספר ״שאלות ותשובות מן השמים״ בהנוגע צו י״ט כסלו, איז דאך דעמולט דער זמן טייערער נאך כמ״פ ככה,

זמן איז דאך אויך פארבונדן מיט מקום, אז מ׳געפינט זיך אין א מקום שמגד לין בו תפלה״, וואס מ׳דאוונט דארטן, און ״מגדלין בו תורה״, מ׳לערנט דארטן שיעורי תורה, ותורה ברבים, איז דאך דאס אלץ מעער מגדיל אין חשיבות פון יעדער רגע, וביחד ע״ז אין חשיבות פון יעדער דיבור.

וואס א דיבור האדם, איז אע״פ וואס לכאורה איז דאך דא נאך א גרעסערע זאך און א שטארקערע זאך, ע״פ תורה, דער ענין המעשה, געפינט מען דאך אבער, אז דאער גאנצער סדר השתלשלות איז ״בעשרה מאמרות נברא העולם״,

דער גאנצער ענין התורה האט זיך אנגעהויבן און איז נכלל אין עשרת הדברות.

און דערנאך זאגט מען אז דאס איז אן ענין אין תורה, א סיפור אין תורה, איז דאס אויך א הוראה, אויף באווייזן די טייערקייט פון יעד ער דיבור פון א אידן, ביז אפילו דיבור סתם בעולם, וואס א איד דארף זיך דאך משתדל זיין אז העולם כולו, און ווי חז״ל דריקן זיך אויס, איז יעדער ענין אין א דיבור מצומצם, וואס איז א מועט מחזיק את המרובה, אז ״לא ברא הקב״ה בעולמו דבר אחד לבטלה״,

וואס דאס גייט דאך, סיי ווי פשטות פון דעם מאמר חז״ל, אויף די נבראים, וואס אין דערויף איז אויך נכלל יעדער רגע אין זמן און יעדער נקודה אין מקום, איז

לא ברא ח"ו לבטלה

און אייגנטלעך איז דאך דאס א דבר המוכרח, אן ענין המוכרח, בשכל הפשוט; וויבאלד אז יעדער זאך איז באשאפן געווארן פון דעם אויבערשטן אליין, וואס ער איז דואך דער איין און איינציקער בורא פון כל פרט ופרט, סיי פון נבראים, סיי פון זמן סיי פון מקום, וואס דאס איז דאך אויך נבראים.

איז דאך פארשטאנדיק, במכ"ש וק"ו פן א מלך בו"ד, במכ"ש וק"ו פון א בעל שכל בכלל, אז ער וועט ניט טאן קיין ענין לבטלה; אז ער טוט א זאך איז דאס פארבונדן מיט שכל וכיו"ב, מיט עפעס א טעם.

איז דערפון אויך מוכרח בנוגע לכל נקודה פון מקום, ולכל רגע פון זמן, ובמילא אויך ווי אזוי עס דארף זיין א הנהגה פון א אידן וואס "אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני", אז עס דארף זיין "ועמך כולם צדיקים", זאל זיין "צדיקים דומין לבוראן", "מה הוא רחום אף אתה רחום", ועד"ז בשאר הענינים.

וואס דערפאר איז דאך יעדער רגע פון זמן, און יעדער ענין פון פעולת האדם, דיבור, עאכו"כ מעשה, עאכו"כ מחשבה.

[וכידוע די טייערקייט פון מחשבה און די זהירות וואס עס דארף זיין במחשבה, נאכמערער אפילו ווי עס דארף זיין אין דיבור ומעשה, ווי דער רמב"ם איז מבאר אויך אין הלכות תשובה, אז דער ענין התשובה איז ניט ווי די וואס רעכענען אז ס'איז מערניט ווי אויף מעשה, נאר דאס איז נאכמער נוגע בנוגע צו דעות, וואס דאס איז דער ענין המחשבה, דערנאך קומט די מחשבה ארויס בדיבור].

**ב.** וואס ע"פ כל האמור, איז דאך לכאורה א פלא גדול ביותר אויף דעם מנהג הפשוט, אז אין יעדער ענין וואס איז פארבונדן מיט א מאורע, האט תורה איינגעשטעלט, און האט געמאכט דערפון א מ"ע מה"ת, אנהויבנדיק פון "ראש לרגלים" וואס דאס איז דער חג הפסח, אז "מצוה לספר ביציאת מצרים",

און מ'זאגט גלייך אז "אפילו כולנו חכמים כולנו נבונים כולנו יודעים את התורה", איז "מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים",

וואס דערפון פארשטייט מען בנוגע צו אר ענינים, וואס בכללות איז דאך כל התורה ומצוותי' פארבונדן מיט "זכר ליציאת מצרים" ווי ער איז מאריך אין ספר החינוך, און נאכמערער אין ספרי מוסר וחסידות, איז אויך איינגעשטעלט געווארן אז "הימים האלה" בלשון הכתוב זאלן זיי זיין "נזכרים".

וואס דאס איז דאך פארבונדן בפשטות מיט מצות קריאת המגילה, א מצוה

בדיבור דוקא.

וואס לכאורה האט דאך דאס אינגאנצן קיין הסברה ניט, ובפרט נאך די הדגשה אז "אפילו כולנו יודעים [את] התורה" מוז מען אפגעבן צייט, און ניט סתם צייט, נאר בריבוי, "כל המרבה הרי זה משובח", אויף "לספר" אין דעם ענין מיט וועלכן דער מאורע און דער צוזאמענקלייבן זיך, אדער די אנדערע פרטי הימים אדער היום, זיינען פארבונד.

איז דאך דער ביאור בזה אין דעם פסוק עצמו, אז מ'זאגט אז "הימים האלה נזכרים ונעשים", אז בשעת ס'איז דא נאכאמאל דער דיבור בפועל, איז אט דעמולט פועל'ט אז עס זאל אויך זיין "ונעשים", אז דער ענין קומט אראפ אויך אין עשי',

ווארום יעדער זאך וואס א איד טוט, כמדובר לעיל, האט דאך דאס אין זיך א כוונה וטעם, אן די כוונה טעם העיקרי והכללי, און צד השוה שבכולם איז, דער "לשמש את קוני",

וואס תורת חיים זאגט אז "המעשה הוא העיקר", אז דער דער שימוש קונו דערף אויך אראפקומען אין מעשה,

איז כדי מ'זאל זיין זיכער אז עס וועט אראקומען אין דעם "ונעשים", און אז דאס וועט אראפקומען אין תכלית השלימות – קען מען ניט יוצא זיין דערמיט וואס ער האט ערעדט וועגן דערויף פאראייארן, אדער מיט א זמן צוריק, מ'קען ניט יוצא זיין אפילו ווען ער וועט עס איבערטראכן במחשבה, אפילו אין א מחשבה וואס "יתקע מחשבתו בחוזק" – דאס מוז אראפקומען אין א "מעשה זוטא" עכ"פ, בענין הדיבור,

און בשעת ס'איז דא דער "נזכרים", אז דער דיבור ברענגט צו זכרון אמיתי, בדוגמא וואס די קריאת המגילה (וואס אויף דערויף שטייט דאך דער ענין פון "הימים האלה נזכרים), אז דאס מוז געלייענט ווערן, ובדיבור, אין קריאת המגילה,

איז אט דעמולט איז מען זיכער און דאס פועל'ט אז עס ווערט דער "ונעשים" אין תכלית השלימות, עכ"פ לפי מצב ומעמד בהוה פון דעם טאג ווען מ'איז דאס מסביר בדיבור,

און דערנאך, אז מ'ווערט עלטער און עס קומט דער צווייטער מאל, די התוועדות וכיו"ב, איז אט דעמולט איז דאך אז יעדער איד דארף דאך זיין א מהלך, ווי מ'זאגט דאך אין דעם סיום פון מסכתא ברכות אז "תלמידי חכמים אין להם מנוחה, ילכו מחיל אל חיל" און מ'פארבינדט דאס מיטן פסוק (און מ'לערנט דאס אפ פון פסוק) פון "וכל בניך לימודי הי'", וואס דאס גייט דאך איף יעדער אידן און אויף

אלע אידן, אז "אין להם מנוחה",

ביז אז דאס ווערט א דין אין שו"ע, אז "כל מעשיך יהיו לשם שמים", וואס דאס איז דאך כולל (דער לשון "מעשיך" אין סעיף זה) לאו דוקא מעשה, נאר אויך דיבור, אויך מחשבה, אויך אויסניצן יעדר רגע און יעדער פרט פון זיינע כחות, אויף "לשמש את קוני", מ'איז אט דעמולט וועט ער ווערן עלטער וועט ער גיין מחיל אל חיל, וועט ער דארפן נאכאמאל דערמאנען בדיבור, ווארום דעמולט ווער פון אים פארלאנגעט נאכמערער מעשים ווי ס'איז געווען בפעם שעברה,

**ג.** ביז המעשה הוא העיקר, איז דאך א "כלל גדול בתורה" "ואהבת לרעך כמוך", ובהדגשה דוקא "כמוך", אז מ'טוט דאס, בשעת אידן קלייבן זיך צוזאמען איז דאס דעמולט נאך נוגע צו כל המתאספים, אז מ'זאל נאכאמאל איבערזאגן בדיבור עכ"פ די נקודות עיקריות פון דער סיבה צוליב וועלכע מ'האט זיך צוזאמענגעקליבן,

וכמדובר, דאס איז ניט ח"ו אז דערפאר וואס עס פעלט איינעם אין דער ידיעה, נאר אדרבא, זיי זיינען בחזקה אז מ'ווייס כל התורה כולה, דעם גאנצן תוכן פון אט דעם ענין מיט דעם מאורע,

ביז אין אן אופן פון דעם כפל "כל . . כולה", ווי דער ט"ז אין מדייק אז דאס איז ניט "רובו", נאר דאס איז "כולו" ממש, אע"פ וואס "רובו" איז דאך אויך "ככולו",

איז אעפ"כ, אז מ'זאגט דאס נאכאמאל בדיבור, גייט דאס ארויס אין אויר העולם, און דער דיבור, ווי יעדער דיבור וואס איז פארבונדן מיט אידישקייט, זאגט דאך די גמרא אין עירובין (נד, א) אז "ערוכה ברמ"ח אברים" איז אט דעמולט הרי היא "שמורה", אז דאס איז א דיבור מיט א חיות, וואס איז כולל אין זיך און נעמט פון דעם חיות פון כל רמ"ח אברים שלו,

און דערנאך איז "שומע" אויך "כאומר" ו"כעונה", אז דער שומע איז זיך אויך משתדל, על היסוד פון "קבל את האמת ממי שאמרו", אז ס'איז גאר ניט קיין אונטערשייד ווער דער זאגען איז, אויב דער ענין איז אן אמת נעמט מען אן דעם ענין, דערפאר וואס ער איז אן אמת, און יעדער אמת איז דאך "מאמיתת המצאו נמצאו כל הנמצאים", יעדער ענין פון אמת איז פארבונדן מיט "חותמו של הקב"ה אמת", איז דאס דברי הקב"ה בתורתו הקדושה, וואס דאס איז א תורה נצחית,

און ווי דער בעל הגאולה שרייבט אויך אין דער התחלה און דעם שער פון ספרו התניא קדישא, אז "קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו", דאס איז ניט שווער, ואדרבא, דאז איז גאר "קרוב", און ס'איז "קרוב אליך", און ס'איז "קרוב

מאד״, סיי במחשבה סיי בדיבור סיי במעשה, ווי די דריי לשונות ״בפיך ובלבבך לעשותו״,

און די התחלה בזה איז ״בפיך״, אז עס הויבט זיך אן פון דיבור, וואס דאס איז נאכמער מעורר, ״קול מעורר הכוונה״, נאכמער מעורר דעם בלבבך״, קומט דאס נאכמערע ארויס אין ״לעשותו״, אין עשי׳ בפועל.

**ד.** עד״ז אויך בנוגע למאורע פון יום סגולה זה, וואס נקודתו איז דאך, אז דער אלטער רבי, [דער בעל התניא, דער פוסק בנסתר בפנימיות התורה, ובעל השו״ע, פוסק בנגלה דתורה, וואסביידע זיינען דאך א חלק פון תורה נצחית און א חלק פסון תורת חיים], כמדובר לעיל, איז געווען במאסר,

און האט געוואוסט אז די פעולות זיינע און דער ענינים זיינע זיינען עלול צו ברענגען צו א מאסר,

וואס ס׳איז דאך געווען א מאסר פארבונדן מיט חיי נפשו ממש, די מעגלעכקייט פון דער גזירה איז דאך אויך געווען עד היפך החיים, האט דאס אים ניט אפגעשטעלט אויף טאן, און טאן אויך אין אן אופן אז דאס זאל נתפשט ווערן באופן דהולך ומוסיף ואור, בכל מקום שידו מגעת, וויסנדיק כאמור, אז דאס איז פארבונדן מיט סכנת נפש ממש, ביז וואנענט אז ס׳איז טאקע געקומען בפועל דער מאסר בפועל פון דער מלוכה אדירה.

וואס בכל שאר הענינים איז ״דינא דמלכותא דינא״ א דין אין תורה, ביחד ע״ז אבער, בשעת דאס איז פארבונדן מיט אידישקייט, איז כידוע דער ווארט פון נשיא דורינו פון רבי׳ן דעם שווער בשם פון זיין פאטער, (וואס ער איז געווען זיין ממלא מקום), אז א נשמה איז קיינמאל ניט געגאנגען אין גלות, און אין זאכן פארבונדן מיט אידישקייט איז קיינער קיין בעה״ב ניט אויף אידן און אידישקייט

וואס עד״ז שטייט דאס בהדגשה אין דעם יום זה, וואס דאס איז דער יום הגאולה, וואס דאס איז דאך שייך צו זאגן דוקא לאחרי מאסר, וואס דער מאסר איז געווען דורך דערויף וואס ער האט געטאן אין הפצת היהדות בכלל, און אין הפצת התורה במיוחד.

און הפצת התורה אין ״שני־אור״ סיי אין תורת הנגלה סיי אין פנימיות התורה, כמבואר בארוכה פון אונזערע נשיאים אז דאס איז מרומז בשמו, ״שני־אור״,

און אין אן אופן אז פון די ״שני־אור״, איז ניחט דאס איז צוויי באזונדערע זאכן ח״ו, נאר דאס ווערט איין און איינציקער נאמען, ווי דער דין איז אין תורת אמת

אז "שני־אור" איז א שם אחד, ואס ער האט אין זיך אבער דעם פירוש אז ער איז געמאכט געווארן פון "שני־אור" וואס מ'האט זיי געמאכט אן איין און איינציקע זאך,

און נאך דערויף ווי ס'איז געווען דער מאסר, און דורכגעגאנגען די "ג"ן" ימים,

[און ווי חסידים דערציילן אז די נ"ג ימים וואס ער איז געווען במאסר איז אויך פארבונדן מיט די נ"ג פרקים אין תניא, וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט "גן", "באתי לגני", וואס יעדער איד און אלע אידן זיינען דאך גנו של הקב"ה],

האט מען געזען די תכלית הכוונה ווי זי איז ארויס בפועל ובגלוי, און אין טוב הנראה והנגלה, דער ענין הגאולה,

ואדרבא, נאך מיט יתרון האור דוקא מצד דערויף וואס דאס קומט מתוך החושך, און יתרון החכמה אין הפצת התורה, די אמת'ע חכמה שבעולם, דוקא ווי דאס קומט מתוך הסכלות, פון דעם חושך און סכלות, וואס מ'האט מלשין געווען און דערפאר איז מען געווען במאסר,

וואס זייענדיק במאסר איז דאך לפי שעה עוועק דער ענין פון העדר ההפצה העדר הלימוד ברבים וכו' – איז געקומען די גאולה וואס "אור וחיות נפשנו ניתן לנו" כידוע דער מכתב הידוע בנוגע צו י"ט כסלו,

ה. און דאס ברענגט אראפ, כמדובר, אז דורך דערויף וואס מ'דערנאמט, עכ"פ אין נקודות עיקריות, אז דאס איז א טאג, און דערמיט איז פארבונדן דער צוזאמענקלייבן זיך מיטן מאסר, וואס קומט ע"י הפעולות אין הפצת היהדות והתורה במיוחד, אן קיינע הגבלות, ניט רעכענענדיק זיך מיט קיינע מניעות ועיכובים, אפילו ביז סכנת נפשו, און סכנת נפשו ממש, טוט מען אין דערויף מיט א חיות ובשמחה ובטוב לבב,

און מ'איז בטוח אז ווי ס'איז געווען בימים ההם בזמן הזה, אז לאח"ז איז געווען די גאולה, וביתר שאת וביתר עוז אין הפצת היהדות בכלל, און הפצת התורה ומצוותי' במיוחד.

עד"ז איז אויך זמן הזה פועל'ט דאס אז עס זאל זיין דער "ונעשים", אז יעדערער, כל אחד ואחת, האנשים והנשים, און אויך הטף אין די ענינים וואס איז שייך צו זיי, זאלן טאן בכל הענינים האמורים,

אנהויבנדיק פון דעם דיבור אין דעם ענין המאסר והגאולה, און דערנאך קומט דאס אראפ "בלבבך" און "לעשותו", אז דאס זאל אראפקומען אין עשיות אין די

ענינים מיט וועלכע דער בעל המאסר האט זיך מוסר נפש געווען,

און מ׳איז בטוח אז ידינו על העליונה, מ׳וועט זיכער מנצח זיין כל עניני מאסר וחושך וסכלות, ביז מ׳וועט מנצח זיין דעם חושך הגלות, אע״פ וואס בעקבתא דמשיחא איז דאס א חושך כפול ומכופל, נאכמערער וויפל ס׳איז געווען מיט א טאג פאר דעם, עאכו״כ מיט עטלעכע טעג פאר דעם,

איז ח״ו דאס ברענגט ניט צו קיין אראפגעפאלנקייט, נאר אדרבא, דאס איז נאך מערער מוסיף אין דער שמחה פון דער גאולה בימים ההם בזמן הזה, און ״מגלגלין זכות ליום זכאי״, אויף אננעמען החלטות טובות, און פארבונדן מיט ״בפיך ובלבבך לעשותו״, אין די אלע קיום און הוראות פון בעל המאסר והגאולה,

און מ׳האט די הבטחה אז עס וועט זייך דער נצחון גמור בדוגמא ווי ס׳איז געווען דעמולט, ואדרבא, מ׳וועט נאך טאן נאכמערער און נאכמערער, ביז וואנענט עס וועט בטל ווערן לגמרי, און עס וועט מקוים ווערן דער לימוד פון קץ שם לחושך, פון דעם חושך הגלות הפרטי והכללי,

און עס וועט זיך גלייך אנהויבן דער ״מיד הן נגאלוין״, בלשון הרמב״ם, הלכות תשובה שלו, אז הבטיחה תורה אז ״בסוף גלות ישראל עושין תשובה ומיד הן נגאלין״.

די אתחלתא דגאולה, ובשעתא חדא וברגעא חדא וביומא חדא — אויך די כללות הגאולה און שלימות הגאולה, גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, במהרה בימינו ממש.

## שיחה ב.

ו. דער ענין פון דעם ״נעשים״, דער ״קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו״, איז דא, כמדובר, דאס גייט דאך אויף כל התורה כולה, כללות התורה ומצוותי׳;

במיוחד איז דאך דא ענינים וואס זיי זיינען פארבונדן מיט זמנים מיוחדים, בדוגמא פון א מצוה שהזמן גרמא, אין ימי הגאולה פון פסח — מצות הפסח, ועד״ז אין זמן מתן תורתנו, עד״ז אין חגה״ס, אין זמן האסיף,

און עד״ז ימי הפורים, וואס אויף דערויף זאגט מען דאך, בגלוי, ״הימים האלה נזכרים ונעשים — האט דאך זיך יעדערער פון זיי מצוות מיוחדות, אויך מנהגים מיוחדים,

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז דער חיוב וואס איז דעמולט דא אין "כל מעשיך יהיו לשם שמים" איז אויך פארבונדן לכל לראש ברוח פון די מצוות ומנהגים מיוחדים לזמן ההוא,

עד"ז אויך בנוגע לענינינו, ווי דערמאנט פריער – אין דעם ענין פון "בפיך ובלבבך לעשותו", אין די ענינים וואס דער בעל הגאולה האט זיך אויף זיי מוסר־נפש געווען בעיקר ובגלוי, אע"פ וואס כללות ימי חייו איז דאך דאס געווען "בכל מאדך", אן ענין פון מס"נ בלי הפסק, איז דאך אבער אין דערויף גופא דא, בלשון הגמרא "במה הוי זהיר טפי", אז ס'איז דא נאך א "טפי" אפילו אן ענינים פון מס"נ.

ז. וואס עד"ז אויך בנוגע לענינינו.

לכאורה אין דערויף גופא איז דאך דא כו"כ ענינים אויף וועלכע ער האט זיך מוסר־נפש געווען אין אן אופן פון "זהיר טפי",

איז דאך, כמדובר אמאל בארוכה, איז דאך דא די אגרת וואס דער בעל הגאולה האט געשריבן בקשר מיט זיין צאתו גאולה, וואס "יצא בשלום מאלקי שלום", און ער פארבינדט דאס מיטן פסוק "כשהתחלתי (ווען ער האט אנגעהויבן זאגן דעם) פסוק פדה בשלום נפשי, קודם שהתחיל (דעם) פסוק שלאח"ז" איז אט דעמולט "נתבשר" אויף דעם ענין הגאולה, "ויצא בשלום".

וואס דא איז ער מדגיש כמ"פ אלס דעם ענין השלום.

וואס לכאורה איז א פלא גדול: תורה ומצוותי' איז דא ת' ר' י' ג' מצוות, פארבינדן דאס מיט איינע פון די מצוות – איז דאך דאס עכ"פ, לכאורה, ניט פון די י"ג עיקרים, עאכו"כ ניט פון די ג' עיקרים, ווי אין ספר העיקרים טיילט ער זיי איין אין ג' עיקרים (די אלע י"ג), עאכו"כ ניט דער ראש וראשון לכל עניני התורה ומצוותי' – דער דיבור הראשון פון "אנכי הוי' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים"?!

וואס בשעת עס רעדט זיך וועגן א גאולה פון אן איש כללי, א נשיא בישראל, וואס זיין מאסר איז אויך פארבונדן מיט כללות ישראל, דערפון אויך פארשטאנדיק – די גאולה אויך פארבונדן מיט אן ענין פון גאולה כללית,

און דער מאסר איז געווען, כאמור, על הפצת היהדות התורה ומצוותי', און דערנאך איז געקומען די גאולה – דארף דאך זיין די גאולה לכל לראש בהדגשה אין דעם ענין פון מס"נ אנהויבנדיק פון "אנכי ה"א אשר הוצאתיך מארמ"צ".

און אין מכתב איז ער מדגיש, און מדגיש כמ"פ – דער ענין פון שלום.

**ח.** איז דאך פארשטאנדיק, ע"פ המבואר בכ"מ, אז דער ענין פון "אנכי ה"א אשר הוצאתיך מארמ"צ", וואס ס'איז דאך ידוע אין דערויף די שאלה וואס עס שטייט ניט "אשר ברא שמים וארץ", ווי געבראכט אין מפרשי התורה די שאלה בזה,

איז דא אין דערויף די הדגשה גלייך אין דעם המשך הדברים "אשר הוצאתיך מארמ"צ",

וואס דאס איז א דבר והיפוכו: ס'איז "אנכי ה"א", דער ענין פון אלקות, און אחדות אין אלקות, וואס דאס איז דאך די מצות האחדות נעמט מען דאך אדער פון שמע ישראל ה"א ה' אחד, אדער פון "אנכי ה"א . . לא יהי' לך אלקים אחרים", כמבואר אין מוני המצוות און מפרשי התורה וכו',

און מ'זאגט גלייך דעם היפך – "אשר הוצאתיך מארמ"צ".

וואס דאס איז אויך איינע פון די הסברות, פארוואס מ'זאגט ניט "אשר ברא שמים וארץ" – דאס איז ניט קיין דבר והיפוכו: בשעת מ'זאגט "אנכי ה"א", און ענינו וואס ס'איז אויך "ברא שמים וארץ" – איז דאס נאך אן ענין, ס'איז אבער ניט קיין דבר הפכי;

בשעת מ'זאגט די מציאות פון "ארץ מצרים", און ארץ מצרים שטייט אין אזא אופן אז עס דארף זיין "הוצאתיך מארמ"צ", אין אן אופן וואס זי איז געווען א מושל בכיפה, בכל העולם כולו, האט ער געדארפט פירן לויט "דינא דמלכותא" פון ארץ מצרים, וואס דאס איז געווען דער "מקולקל שבאומות", כמאמר חז"ל בכ"מ,

מ'שטעלט זיי ביידע צוזאמען, אין דעם זעלבן פסוק, אין דעם זעלבן המשך, און ניט מ'זאגט אז ס'איז צוויי ענינים און צוויי פסוקים, נאר מ'מאכט דערפון איין זאך אז "אנכי ה"א" איז פארבונדן מיט "אשר הוצאתיך מארמ"צ",

ביז אז דאס קומט אראפ אין פשט בפועל, אז פירוש הפשוט פאר א בן חמש למקרא, "על מנת כן הוצאתיך", אז דאס ברענגט אז דער "אנכי ה"א", אמונת ה', און אחדות ה', וכל הענינים המסתעפים [וואס כל התורה כולה איז דאך כלול אין עשה"ד, וואס זיי אלע זיינען דאך כלול אין דעם דיבור הראשון, כמבואר בכ"מ], איז דער דיבור הראשון באשטייט אין דעם ענין פון שלום,

אז ניט ס'איז דא צוויי ענינים, "אנכי ה"א", און דאס איז נלחם אין "ארץ מצרים" כביכול, אויף וויפל ס'איז שייך זאגן דא דעם לשון פון מלחמה, און מ'איז דאס מנצח – נאר מ'מאכט דערפון שלום, איין זאך: מ'נעמט ארץ מצרים און מ'מאכט דערפון "הוצאתיך מארץ מצרים",

און דאס ברענגט אין אמיתית הענין אז מ'האט ביי "אנכי ה"א" בתכלית

השלימות.

ווי דער רמב"ם זאגט אין "שמונה פרקים", אז דער אויפטו פון א בעל תשובה לגבי א צדיק גמור, אז ביי א צדיק גמור, וואס ביי אים איז קיינמאל ניט געווען דער חטא ופגם ועבר את הדרך, אע"פ וואס כל ימיו איז ער א צדיק גמור, קען מען אבער ניט זיין זיכער ווי ער וועט זיך פירן ווען עס וועט קומען לידי נסיון, אדער אפילו לידי פון א דבר בלתי רגיל, א קושי בלתי רגיל;

א בעל תשובה, וואס דאס איז "באותו מקום ובאותו..." מיט אלע פרטי הדברים, וחזר בתשובה "יעיד עליו יודע תעלומות שלא יחזור לכסלה עוד", אט דעמולט איז מען זיכער אז ער וועט בלייבן אין אז אופן, וואס פאר שינוים עס וועט נאר זיין סביבו אין דער סביבה אין וועלכע ער וועט זיך געפינען, וואס דאס איז כללות כל העולם כולו, "חייב אדם לומר בשבילי נברא העולם".

וואס דעמולט ווערט דאס ניט קיין צווי ענינים, וואס איינער איז מנצח א נצחון גמור ושלם, נאר פון דיביידע ענינים ווערט א דריטער ענין כביכול, אן ענין פון שלום, אויך מלשון "שלימות",

אז מ'איז זיכער אז ער וועט האלטן ביי "אנכי ה"א בתכלית השלימות, מיט אלע פירושים שבדבר.

ט. וואס איז דא דער קשר מיטן מאסר והגאולה, וואס דאס איז דאך אויך פון די שאלה: בדוגמא ווי ס'איז די שאלה אויף גלות מצרים, בונגע צו כללות עם ישראל, עד"ז איז דאך די שאלה בנוגע צו גלות פרטית וואס עס געפינען זיך כל אחד ואחת, וואס ידע אינש בנפשו די ענינים מיט וועלכע ער דארף מלחמה־האבן און ארויס פון זייער גלות,

איז דא דאך אין דערויף די צוויי וועגן, דער וועג וואס מ'פירט א מלחמה און מ'איז מנצח און מ'איז מבטל און מהרס ושובר דעם צד המנגד,

דערנאך איז דא דער צווייטער וועג, פון "פדה בשלום נפשי", וואס דעמולט ווערט "ברבים היו עמדי", ווי ער טייטשט אפ אין ירושלמי, אז "אנשי אבשלום", האבן מתפלל געווען אז דוד זאל מנצח זיין אין דער מלחמה,

וואס עד"ז איז אויך בנוגע צו כללות המעמד ומצב פון א אידן למטה, וואס דאס איז דאך א נשמה בגוף, וואס די נשמה קומט אראפ מאיגרא רמה לבירא עמיקתא, בלשון הגמרא חצובה (אדער חקוקה) תחת כסא הכבוד, און זי קומט אראפ אין עוה"ז התחתון שאין תחתון למטה הימנו, איז דאך גאר ניטא קיין גרעסערער און טיפערע

נידעריקע גלות ווי דאס קען זיין,

פרעגט מען דאך "למה עשה הוי'", צו אט דעם גאנצן ענין,

איז אט דאס זאגט מען, "אנכי ה"א אשר הוצאתיך מארמ"צ", דער אויבערשטער האט געמאכט "ארץ מצרים"; די כונה בזה איז געווען — כדי מצרים, נאך דערויף וואס דאס איז לכאורה מקולקל שבאומות, און ברענגט אריין אין גלות כל עם ישראל, צוזאמען מיט "ישראל סבא" צוזאמען מיט "שכינתא", "אנכי ארד עמך מצרימה", וואס דאס האט דאך געזאגט דער אויבערשטער בשעת אידן זיין געגאנגען אין גלות הראשון, אין גלות מצרים —

י. איז דאס אלץ געמאכט געווארן כדי עס זאל זיין דער "אנכי ה"א" בתכלית השלימות, ביז ווי ס'איז געווען בפעם הראשונה, ווי ער זאגט אין מדרש, (שמו"ר פ"ה. תניא פל"ו), אז "מכל ד' רוחות ומלמעלה ומלמטה" (הי' נשמע הקול, ושם פכ"ט) איז "שור לא געה און צפור לא צפצף", די גאנצע וועלט האט געשוויגן און האט געהערט, און איז דורכגענומען געווארן מיטן ענין פון "אנכי ה"א", כאמור פון אלע ד' רוחות ומלמעלה ומלמטה, און אויך די אלע ברואים וואס זיינען דעמולט געווען.

וואס דאס איז דאך אויך דער ביאור, ווי גערעדט אמאל בארוכה, וואס דער מדרש דערציילט, אז ס'איז ניט געווען קיין בת־קול. לכאורה: למאי נפק"מ, און וואס דארף מען האבן א נס וכו'?!

האט מען דאך אמאל גערעדט בארוכה: דער ענין פון א "בת־קול" איז אז דער קול המדבר קומט צו א דבר המונע, און דער דבר המונע קלאפט דאס אפ אויף צוריק;

בשעת דער המונע ווערט אויס מונע, נאר ער איז קולט אין זיך דעם דיבור, ביז וואנענט אז ער ווערט איין זאך מיטן דיבור — אט דעמולט איז ניט שייך די מציאות פון "בת־קול".

און דאס איז געווען דער אויפטו פון עשה"ד, אנהויבנדיק מיטן ערשטן דיבור — אז ס'איז געווען אזא דיבור אז ס'איז ניט געווען שייך קיין "בת־קול", ווארום דער דיבור האט פועל געווען פעולתו, אז דער וואס האט דערהערט "אנכי ה"א" איז ער געווארן אויס מציאות פאר־זיך,

ווארום ער האט דערפילט, און דאס האט אים אינגאנצן דורכגענומען, אז "מאמיתת המצאו נמצאו כל הנמצאים", אז דאס איז מערניט די מציאות, "אין עוד מלבדו", די מציאות פון "אנכי", וואס ער קומט אראפ אין "הוי'", וואס ער קומט

אראפ אין "אלקיך", בעל הכחות כולם, כוחך וחיותך.

וואס צוליב דערויף איז די נשמה אראפגעקומען לבירא עמיקתא, אז דער אויבערשטער באשאפט א "בור", און דער בור באשפט ער אז עס זאל זיין אין אים אויך א מקום וואס ער איז א בור עמוק, און דאס אלץ איז אז כדי דוקא מ'זאל מאכן דעם שלום פון כל הענינים כולם,

ביז וואנענט אז פון אלע זייטן וועט גיין דער קול, וועט מען הערן, און אויך גיין, דער קול פון "אנכי ה"א".

און דאס וואס דאס איז דער חידוש הבריאה: "אנכי ה"א", אחדות ה', מציאות ה', אמיתת כל הנמצאים, איז געווען קודם הבריאה, קודם ירידת הנשמה בגוף, נאר וואס דען – דאס איז געווען (בלשון הע"ח) בכח; אז עס זאל זיין בפועל, אז "ידעו כל הבריות", אז עס זאל זיין א דבר הנברא און דער נברא זאל וויסן כחו ופעולתו, איז דאס איז געווען בכח ניט בפועל, און מ'האט געוואלט אז דאס זאל זיין במעשה בפועל.

וואס וואס איז דאס, און אין וואס פאר אן אופן איז דאס, כאמור – ניט אין אן אופן פון חורבן, ח"ו, נאר דוקא אין אן אופן פון בנין,

וואס דאס ווערט אויפגעטאן דורך יעדער אידן און אלע אידן, "וכל בניך לימודי הוי', א"ת בניך אלא בוניך", מ'בויט אויף א דירה פאר דעם אויבערשטן פון "כסף וזהב ונחושת", פון דרייצן (און פופצן) זאכן גשמיים וחומריים, וואס ווי ס'איז געווען דעמולט דער בפועל, איז דאס געווען דער "זהב וכסף ונחושת וואס מ'האט גענומען פון ביזת מצרים, און פון ביזת הים,

ועד"ז "ועשית קרשים למשכן" – איז "נטע ארזים במצרים (דוקא)", און זיי זיינען געוואקסן אין מצרים, און פון זיי האט מען אויפגעטאן די "קרשים למשכן עצי שטים עומדים",

און דאס האט געמאכט די שלימות בעולם, דורך דערויף וואס מ'האט געמאכט שלום בעולם, בפמליא של מעלה ובפמליא של מטה,

אנהויבנדיק דורך תורה, וואס מ'זאגט אויף איר "דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותי' שלום", און יעדער איד אז ער לערנט תורה, איז ווי עס זאל נאר זיין די התחלה אין זיין לימוד, איז דערנאך קומט דאס ארויס אז סופו איז ער לומר מתוך קומט ער דערנאך [צו] לימוד התורה לשמה, זאגט די גמרא, תורת אמת, עושה שלום בפמליא של מעלה ובפמליא של מטה,

**יא.** עאכו"כ אז עס קומט נאך א נתינת כח במיוחד אין א יום סגולה, צוזאמען מיט א נס גלוי, וואס דער נס איז אויך געווען אין אן אופן גלוי לכל העמים והשרים ובכל הארץ, ווי ער שרייבט אין דער אגרת –

ווערט דאס דעמולט דער אמת'ער שלום, און שלום כמאמר חז"ל אז שלום ביני ובין עולמי, ווי בא קרבן שלמים, און אויך שלום בין אדם לחבירו, ווי מ'זאגט בנוגע צו קרבן שלמים אז דארט איז געווען א חלק למזבח און א חלק לכהנים און א חלק לבעלים, ביז "המורם מהם" איז אויך געווען "לנשיהם ולבניהם" און אויך "לבנותיהם" און אויך "לעבדיהם", וואס דערפאר ווערט דאס אנגערופן בשם שלמים,

און דערנאך טוט אזוי אויף יעדער איד, דורך שלימות עבודתו, דורך דערויף וואס ער ברענגט אריין א שלימות, ער נעצט אויס זיין יעדער רגע פון זמן אין אן אופן פון שלימות, און זיין יעדער תפיסה במקום אין אן אופן פון שלימות, פארבונדן מיט תכלית השלימות וואס דאס איז דער אויבערשטער, "לשמש את קוני",

און ביז אז דאס קומט אראפ בפועל, אין "ואהבת לרעך כמוך", וואס דאס איז דאך דער אמיתית ענין השלום בין איש לרעהו ובין אדם לחבירו ובין איש לאשתו, אז דאס ווערט אין אן אופן פון "כמוך",

ביז וואנענט אז דאס ווערט א שלום אמיתי, איז דאס כולל אין זיך, כאמור, שלום בפמליא של מעלה ובפמליא של מטה, ווי דער אלטער רבי איז דאס מבאר אין לקו"ת, אז דאס גייט ביז אין מעלה מעלה שאין למעלה הימנו, און ביז למטה מטה, דא למטה אין נה"א און נה"ב, און גוף ונפש, און חומריות העולם וגשמיות העולם מיט רוחניות עולם, אז זיי שטייען אלע אין אן אופן פון שלום,

און דערנאך איז "גדול השלום", אז ער ברענגט אראפ די גאולה האמיתית והשלימה, וואס דעמאלט וועט דאך זיין בגלוי דער "ונתתי שלום בארץ", "ואולך אתכם קוממיות", וואס דאס קומט לאחרי ובקשר ובהקדמת פון "בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמרו ועשיתם אותם",

במהרה בימינו ממש.

## *שיחה ג.*

**יב.** נאך אן ענין וואס דער אלטער רבי איז מדגיש אין דער אגרת, וואס וויבאלד אז עס קומט בהמשך מוז מען זאגן אז דאס האט אויך א קשר, און דאס איז וואס ער זאגט אז ס'איז געווען "גלוי לעיני העמים והשרים", און נאך פאר דערויף – אז דער ענין פון דעם נס איז דאס געווען "הפליא והגדיל לעשות עמנו", איז דאס

געוועזן "בכל הארץ".

בפשטות איז דאך געוועזן דער מאסר פון העמים והשרים, און אויך מפורסם געווארן בכל המדינה והמדינות – איז געוועזן דער "הגדיל והפליא" דערנאך אויך אין אן אופן אז ס'איז געוועזן דער "יגי' חשכי" אז די "עמים ושרים" און די "ארץ" אליין האט באפרייט, און אדרבא, ס'איז געווארן דער יתרון האור מן החושך און יתרון החכמה מן הסכלות.

כאמור כמ"פ, איז דאך יעדער ענין א הוראה, ובפרט לויט תורת הבעש"ט אז יעדער ענין וואס א איד הערט אדער זעט, איז דאס ניט לבטלה ח"ו, נאר אין דערויף איז דא א הוראה בעבודתו לקונו, עאכו"כ אין א בריוו פון א נשיא בישראל, וואס ער האט דאס מפרסם געוועזן און ס'איז נתפרסם געווארן לדורות, איז דאך זיכער אין דערויף א הוראה בעבודת האדם לקונו, "אתם קרוין אדם".

איז אט דא די הדגשה, וכאמור – ער חזר'ט איבער דריי מאל, דער "הגדיל והפליא" אז דאס איז געוועזן "בקרב הארץ", און אויך דערנאך וועגן "העמים והשרים וכו'".

**יג.** וואס בפשטות איז דאס, כאמור, פארבונדן אויך מיט א פס"ד ברור אין תורה, אז פון א שליחות האדם בעולמו, וואס "אני נבראתי לשמש את קוני", איז דער פס"ד ברור אין הלכות מלכים פון דעם רמב"ם, אז א איד דארף טאן כל התלוי בו, אז "כל העמים והשרים, און "כל אפסי ארץ" צו וועלכע ער קען דערגרייכן – זאלן זיך פירן ווי דער אויבערשטער וויל, אין די שבע מצוות בני נח וכל המסתעף מהם, וואס דאס איז דאך "ישובו של עולם", "לשבת יצרה",

און מיט דער הדגשה, ווי דער רמב"ם ברענגט דארטן, אז זיי זאלן דאס טאן דערפאר וואס אזוי האט אנגעזאגט דער אויבערשטער. ניט דערפאר וואס דאס איז א דבר שכל, און ער איז געקומען לידי החלטה אז אזוי דארף ער זיך פירן, אט דעמולט איז ער "לא מחכמיהם ולא מחסידי אומות העולם", ווי די אלע גירסאות וואס איז דארטן דא אין רמב"ם (ראה לקו"ש חט"ו שיחה ה לפ' נח ?);

דער ציווי איז, און דאס איז א ציווי בשעת מ"ת בא מעמד הר סיני – אז מ'דארף זען אז "העמים והשרים" און "אפסי הארץ" זאלן זיך פירן לויט די שבעת מצוות בני נח.

ובפרט נאך אז מ'זעט דאך בפועל, אז דאס איז גאר נוגע צו מנוחת הנפש ומנוחת הגוף פון א אידן; אז ער זאל זיך קענען פירן אין קיום התרי"ג מצוות בכל הדרוש בשלימותו – דארף ער דאך האבן מנוחת הגוף ומנוחת הנפש, איז ווערט אין

דערויף א סיוע גדול ועיקרי – בשעת די אומות צווישן וועלכע ער געפינט זיך, ביז כל העולם כולו, פירן זיך לויט ווי דער אויבערשטער האט פאר זיי איינגעשטעלט און ארויסגעגעבן אין הוראות ברורות אויף וועלכע "העולם עומד" א דער "לשבת יצרה" פון שבע מצוות ב"נ וכל המסתעף.

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז דער יום וואס איז פארבונדן מיט זיין גאולה, איז אויך א יום סגולה אויף מעורר זיין און טאן, כל אחד לפי ענינו, עכ"פ בדיבור, פועל זיין, אז אויך אין די עמים סביבו זאל אין "עמים ושרים" ביז כל הארץ כולה , זאל קומען אלץ מערער און נעענטער, ביז צו מקיים זיין כדרוש, די הנהגה מיוסדת על שבע מצוות ב"נ.

וואס לכל לראש איז דאס פארבונדן מיטן ענין השלום, היפך פון "איש את רעהו חיים בלעו", וואס אויף דערויף דארף מען דאך האבן, און דאס איז פון תפקידים הראשיים פון א מלכות, וואס "מוראה של מלכות" איז דאס שולל און דאס ברענגט (אויב די "מלכות, נוצט דאס אויס) אז עס זאל זיין דער היפך דערפון, דער ענין השלום,

ביז ווי דאס גייט זיך דערנאך פאנאנדער, אין שבע מצוות, און אין כמה פרטים, שלשים מצוות, ביז נאכמער פרטים, ביז וואנענט אז עס ווערט אויפגעבויט א סדר ומשטר, א הנהגה, א סדר, מיוסד על הצדק והיושר, צדק ויושר מיוסדים אויף תורת צדק, און אויף "טוב וישר פעלו", אויך דער אויבערשטן'ס תורה אין וועלכע עס איז אויך אנגעוויזן ווי אזוי עס דארפן זיך פירן כל אומות העולם,

און מ'האט דאס איבערגעגעבן דורך די ספרים, און דערנאך פון תושב"כ ביז אין פס"ד פון רמב"ם, אין תושבע"פ, אז יעדער איד זאל טאן התלוי בו.

וכאמור, אין א יום סגולה פארבונדן מיט דער אגרת – איז אויך דער זמן אויף צו דערמאנען אויך אין דעם ענין.

**יד.** וואס דער ענין פון שלום איז דאך, כמדובר, פארבונדן, אז וויבאלד אז ס'איז דא "אין דיעותיהן שוות", איז אויב ס'איז ניטא קיין זאך וואס זאל איינצוימן, איז אט דעמולט "איש את רעהו חיים בלעו",

ס'דארף אבער זיין טאקע "מוראה של מלכות", דאס דארף אבער פועל זיין אז דאס זאל זיין ניט נאר מצד מורא, נאר אז דערנאך זאל דא אים דורכנעמען, ביז וואנענט אז ער וועט ווערן און עס וועט זיין די מצות הצדקה,

וואס לדעת כמה פוסקים איז דאס אויך איינע פון די מצוות ב"נ, אפילו לדעת

הרמב"ם וכו' – איז בשעת ער זאגט אז רצה ב"נ לקבל עליו נאך א מצוה איז מקבל עלי' שכר, ברענגט ער גלייך די דוגמא מצות הצדקה,

ולכל הדעות איז דאך דער ענין ה"דינין" איינע פון די פארבונדן מיט שבע מצוות ב"נ. (צי מ'רעכנט דאס יע צי מ'רעכנט דאס ניט – דערפאר וואס דאס איז ניט קיין ל"ת נאר א "קום ועשה"), כמבואר בארוכה אין די סוגיא אין סנהדרין (נו, סע"א ואילך. וראה לקו"ש ח"ה שיחה לפ' וישלח).

בנוגע לענינגו, איז דאך דא דער וועג אז עס זאל זיך פירן בסדר ומשפט פון א צדק ויושר – דורך "מוראה של מלכות", אבער לולי זאת איז "איש את רעהו חיים בלעו",

און דערנאך איז דא, ווי אין בריאות הגוף, איז דאך דא צוויי וועגן ווי צו באזארגן בריאות הגוף, אז בשעת ער איז ר"ל א חולה, דעמולט זוכט מען א רפואה און מ'היילט אים אויס,

דערנאך איז דא א בעסערע וועג אין רפואות הגוף, אין בריאות הגוף, אז עס זאל זיין מלכתחילה ["לא אשים עליך"], אז מ'פירט אים אין אזא הנהגה, אז מלכתחילה איז ער אן איש בריא און פירט זיך אין אן אופן בריא, מיוסד אויף דעם אויבערשטן'ס אנווייזונגען אז עס זאל זיין "לשבת יצרה", ניט אין א הנהגה פון "תוהו".

וואס דעמולט דארף מען ניט אנקומען צו "מוראה" בגלוי; ס'איז געגוג דער "מוראה" אין חינוך, אז מ'איז אים מחנך מלכתחילה אין אז דרך טוב וישר, אז מלכתחילה "חנוך לנער ע"פ דרכו, פון קטנות, פון קינד־ווייז־אויף באקומט ער אזא חינוך – אז מלכתחילה לייגט זיך גאר ביי אים ניט אנדערש ווי צו פירן זיך אין אן אופן פון צדק ויושר.

וכאמור, מלכתחילה "לא אשיך אליך".

וואס דאס איז, אנשטאט דערויף וואס מ'זוכט און מ'מאטערט זיך אויף געפינען גענוג געלט אויף אויסהאלטן בתי אסורים, כדי די וואס זיצן דארטן (אדער וואס דארפן דארטן זיצן) זאלן ניט קענען מזיק זיין, אדער אויף אויסהאלטן א גאנצן שטורעם, מיט א גענצע אלפים ורבבות פון שופטים ושוטרים, כדי ייער מוראה זאל אפהאלטן פון "איש את רעהו חיים בלעו" –

ווען מ'לייגט אריין א טייל דערפון אויף משלים זיין אז דער חינוך זאל זיין ניט נאר אויף געבן ידיעות די תלמידים ותלמידות, נאר דער עיקר, אויף מחנך זיין זיי אז זיי זאלן זיין אין א צורת אדם, והנהגת בן אדם, ניט אין א הנהגה פון "שלי שלי

ושלך שלי", א הנהגה פון "חיים בלעו" —

אט דעמולט וואלט מען מער מצליח געווען, און עס וואלט פארשפארט כמה עגמת נפש,

ווי מ'זעט דאס בפועל, אין די ערטער אדער אין די שכונות וואס מ'האט זיך געפירט אין אז אופן פון לייגן די הדגשה אויפן חינוך, אז עס זאל זיין א חינוך הראוי לשמו, אז ער איז מחנך דעם תמיד און די תלמידה אז זיי זאלן זיין מענטשן, ניט קיין מענטשן א בעל חי הולך על שתים, אדער מיט א הנהגה פון "פרא אדם", פון "ידו בכל ויד כל בו" —

איז אט דעמולט האט מען מצליח געווען, און מ'האט אויך איינגעשפארט אפילו אין געלט בפשטות.

**טו.** אפילו דארטן אבער זעט מען אז עס פעלט א נקודה עיקרית בענין זה,

וואס וועגן דעם ענין בלל האט מען שוין גערעדט כמ"פ, ס'איז אבער דא נאך א נקודה עיקרית בדבר, וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט שלום:

בא יעדער מענטשן איז ידע אינש בנפשו אז פארוואס איז בי אים העדר מנוחת הנפש, העדר השלום — דערפאר וואס ער איז פארבונדן מיט הנהגות הפכיות: עס קומט די הנהגה פון שבת ויו"ט אט דעמולט איז ער אין א הנהגה טובה, און מ'האט ניט קיין דאגות ובלבולים, ניטא קיין מציאות און הכרח, ווי אים ווייזט זיך אויס, פון השגת גבול, גניבה גזילה וכיו"ב, ווארום "כל מלאכתך עשוי'";

בשעת עס קומט אבער ימות החול און "עובדין דחול", איז אט דעמולט ווייזט זיך אים אויס אז ווי אזוי קען ער פארדינען פרנסתו — ווען ער וועט אנרירן פרנסת חבירו, ועד"ז אין כו"כ ענינים, וואס אין כאן המקום לפורטם.

דערנאך אז ער קומט צו א יום מנוחה ממלאכתו, אט דעמולט דארף ער צו די אלע זאכן ניט אנקומען — כאפט ער זיך אז ביי אים דארף זיין א הנהגה אפכית, ביז "ואהבת לרעך כמוך" ממש — איז ביי אים גופא "אין דעותיהן שוות", און דאס שטייט אין אן אופן "מקרב לי", אז עס האט א מלחמה איין הנהגה מיט דער צווייטער הנהגה,

און דעמולט דארף ער האבן א השתדלות מיוחדה אז די מלחמה זאל זיין אין אן אופן פון "פדה בשלום נפשי",

עד"ז איז אויך אין חינוך פון תלמידים ותלמידות: נוסף על הענין אז עס מוז זיין דער דגוש אז מ'דארף מחנך זיין אין מדות שבין אדם לחבירו, און אין מדות שבין

אדם למקום, אין אמונת ה׳, וואס דוקא דעמולט האלטן זיך דר גאנצער ענין החינוך על יסודו, און עס ווערט א דבר וואס איז א ״פעולה נמשכת״ בלשון ההלכה, און ערשט דערנאך זאל קומען די הדגשה אויף געבן אים ידיעות הצריכות –

איז אויך דא די זאך וואס בתי ספר [זיינען] אינגאנצן ניט שמים לב לזה, און דאס איז, אז דער תלמיד און די תלמידה געפינט זיך אין די כותלי בית הספר, אדער בית החינוך, צי ביי אידן צי בא ניט־אידן, בא יעדערן לפי ענינו – א חלק מסוים מהיום:

ער געפינט זיך דארט עטלעכע שעה, מערער אדער ווייניקער, דערנאך גייט ער אריבער אין אן אנדער סביבה, אדער אין רחוב אדער בביתו,

וואס אט דעמולט האט ער ניט אט די השגחה מיט דעם חינוך און מיט דעם לימוד וואס ער באקומט אין בית ספר;

אפילו ווען דער בית ספר איז בתכלית השליות – איז ביז איצטער ניט געווען ארייגעשטעלט אז לכל לראש איז דער חיוב פון א בית ספר אויף אויסהאדעווען, מחנך זיין, ניט אזוי א למדן אין ידיעות ווי א בעל מדות טובות און מיט א דיעות ישרות,

איז נאך לגמרי ניט געווען אט די נקודה, אז א חיוב גמור פון א בית חינוך איז (וכאמור, קיין נפק״מ ניט, אפילו ביי ניט־אידן אויך אזוי), אז זיי דארפן באווארענען אז די שעת וואס דער תלמידה געפינט זיך מחוץ לכותלי בית הספר, אדער מחוץ להשגחת אנשי בית הספר, זאל ער דעמולט ניט שטיין אין א מלחמה מיט די ענינים טובים וועלכע מ׳האט אים געלערנט און צו וועלכע מ׳האט אים מחנך געווען בשעת ער איז אין בית הספר.

לכאורה, מ׳וועט פרעגן בא די מורים און די מורות און מדריכים ומדריכות, וועלן זיי זאגן אז, זיי דארפן האבן צייט אויף צוגרייטן זיך צו די לימודים אויף מארגן אינדערפרי אדער אוף מארגן בייטאג;

דאס איז אבער ניט קיין ענטפער פאר די הנהלת בית הספר, אויב דא איז א בית הספר הראוי לשמו, וואס הראוי לשמו איז אז מ׳לערנט אים אין אזא אופן דעם ספר – אז ער זאל ווערן א לעבעדיקע דוגמא צו די ענינים וואס שטייט אין ספר, א ספר הישר.

איז דאס דער ערשטער חוב, צוזאמען דערמיט אויך – דער זכות, פון הנהלת בית הספר וואס דאס איז בית החינוך, מחנך זיין אין אזא אופן אז עס זאל זיין מחשבתו עליהם, און די מחשבה זאל פועל זיין אין מעשים מסוים, אז אפילו אין די שעות ווא

ער געפינט זיך מחוץ לכותלי בית הספר – באווארנט די הנהלת בית הספר באופן המתאים, אז ער זאל האבן א חינוך און א השפעה און א לימוד בדרך הצדק והיושר,

וואס ערשט דעמולט איז ער ממלא תפקידו, און דעמולט פארמיידט ער אז עס זאל ניט זיין קיין מלחמה באם תלמיד און די תלמידה צווישן די ענינים ווי מ'האט אים מחנך געווען אין בית החינוך און בית הספר, מיט די השפעות וואס ער באקומט בביתו אדער ברחוב אדער בשאר סביבה אין וועלכע ער געפינט זיך, און דערנאך דארף מען זוכן עצות ווער עס וועט מנצח זיין אין דער מלחמה –

איז די עצה בזה איז, אז "פדה בשלום נפשי מקרב לי כי ברבים היו עמדי", אז מ'באווארנט מלכתחילה, ווי דער מיטעלער רבי טייטשט דעם פסוק, אז מ'קומט מלכתחילה ניט לידי מלחמה, ווארום דער בית החינוך שטעלט זיך איין אין אזא אופן – אז השגחתו עליהם אויך אין די שעות וואס די תלמידים ותלמידות זיינען מחוץ לבית הספר,

אז אויך דעמולט זאלן זיי זיין אין דעם זעלבן חינוך און די זעלבע השפעה ווי בשעת זיי זיינען אין דער ישיבה אדער אין דער תלמוד תורה אדער אין א בית הספר (ווי ער זאל נאר אנגערפון ווערן), וואס ער קען האבן אט דעם נאמען אויב ער פירט זיך לויט "ספר הישר", ער פירט די תלמידים ותלמידות באופן הישר, אין דרך הישר.

**טז.** וואס אמאל איז געווען כו"כ פעולות וואס מ'פלעגט מאחד זיין קינדער, אז אויך בשעות מחוץ לשעות בית הספר זאלן זיי זיך צוזאמענקלייבן און טאן פעולות,

ווי יעדער הצעה איז דאך פארבונדן און קאכט זיך – אויב ער קען טאן א פעולה בפועל, און מ'האט דאס ארייגעשטעלט אין סדר היום, אז בכל יום מוז ער האבן מעשים טובים פארצייכענען זיי, אז בשעות וואס ער איז מחוץ לבית הספר האט ער געהאט אט די מעשים טובים.

און ווי דער רמב"ם זאגט, די טענה הידועה: ס'איז דאך שלא לשמה וכו' – זאגט דער רמב"ם בארוכה אין פירוש המשניות אין סנהדרין אין פרק "חלק", אז דאס איז דער אופן ווי אזוי מ'איז מחנך קינדער;

זאל זיין "שלא לשמה" – אבי זיי זאלן זיך פירן אין אזא אופן, ביז וואנענט דאס וועט ווערן ביי אים א הרגל, דורך דערויף וואס ע מ'וועט פארשרייבן, און דערנאך וועט מען ביי אים מאנען, און מ'וועט מאכן א התחרות צווישן אים און א צוויטן,

ביז וואנענט, כאמור, יעדער ענין איז פארבונדן מיט פרשת השבוע און פון

שיעור חומש פון דעם טאר זאגן חז"ל בנוגע צו ראובן, וואס ראובן איז געווען "בכור ישראל" אופן פסוק פון דעם שיעור פון יום השלישי שהוכפל בו כי טוב, אז "אילו הי' ראובן יודע" אז דער אויבערשטער וועט ארײנשרייבן בתורתו "להצילו מיד אחיו" — וואלט ער גאר געטאן באופן אחר.

וואס עד"ז בנוגע לעניננו.

וכמדובר כמ"פ, אפלו די וואס זוכן געלט אויף חינוך, סיי ביי אידן סיי בא ניט־אידן, איז לגמרי פארגעסן געווארן, אז אנשטאט דעם אז מ'זאל דארפן ווארטן ביז וואנענט דער תלמיד און די תלמידה וועט ווערן בלשון המדינה א "טין־איידזשער", לאחרי וואס ער האט שוין באקומען דעם חינוך שאינו רצוי, און דעמולט זוכן פאר אים א התעסקות, ווארום לולי זאת וועט ער חרב מאכן די סביבה מיט די שכינה מיט די אייגענע הויז, ולכל לראש — זיך אליין,

במקום זה, ווען מ'זוכט געלט, און זיכער קען מען געווינען געלט אויף דערויף, במכ"ש וק"ו: אז בשעת זיי זיינען נאך געווען, איידער ס'איז געקומען אט דער גיל, און זיי זייען געווען געגאנגען אין בית ספר, אבער אין בית ספר זיינען זיי געווען א מספר מצומצם בשעות היום, און דערנאך האט מען זיי איבער געלאזט לנש??? — וואלט מען געזוכט ווערן, און זיכער איז דא כו"כ דרכים, ווארום "לא תוהו בראה (אלא) לשבת יצרה)", ווי אזוי צו פארנעמען קינעדער, תלמידים ותלמידות, אין שאר שעות היום, אין ענינים טובים ומועילים —

וואלט דערנאך געווען "גם כי יזקין", אפיל ווען זיי וועלן עלטער ווערן, וועט מען ניט דארפן זוכן פאר זיי א פרייער "סעל" (=חדר) אין בית האסורים וואו זיי ארײנצושפארן, ווארום ער איז געווארן א מזיק, אפילו ניט דארפן זוכן באווארענען ער זאל ניט ווערן קיין מזיק — דוקא דורך געפינען א "דזשאב", אז ניט ווערט ער א דבר וואס קען ווערן לודאי א דבר המזיק.

וואס דאס איז אויך די נקודה החדשה, אז מ'זאל זיך איינשטעלן און ארײנשעלן כל אחד, טאן בזה, אז מ'זאל צוריק איינשטעלן דעם סדר וואס איז געווען אמאל.

יז. וכמדובר כמ"פ, מ'פרעגט דאך "מנא הני מילי", דערציילט די גמרא אויף רבה בר שילת, אז ער איז געווען א מלמד, דערנאך האט מען אים געפונען אז ער געווינט זיך גאר במקומו, ניט אין חדר,

האט מען ביי אים געפרעגט: היתכן "מלאכת הוי' וגו'"?! האט ער געענטפערט "דעתייהו עלייהו": בשעת ער געפינט זיך לאחרי הפסק כמה שנים איז ער געקומען אויף א ווילע אהיים, איז זייענדיק דעמולט האט בדעתו איז געווען

עלייהו – האט ער געטראכט וואס טוט זיך מיט זיינע תלמידים,

און זיכער האט ער ניט געטראכט עס זאל בלייבן אין אן אופן די תלמידים זאלן גארניט האבן דערפון, איז דאס ניט קיין ענטפער אויף ״עושה מלאכת הוי׳״, דארף זיין כדבעי;

האט דאס ביי אים געבראכט צו אזוינע פעולות, וויבאלד אז דעתייהו עלייהו, אז אויך דעמולט זאלן די תלמידים, ניט אין חדר, ווארום זיי זיינען ניט אין חדר, פירן זיך אין אז אופן בשעת ווי רבה בר שילת געפינט זיך צוזאמען מיט די תלמידים.

און מיט וואס איז דאס געווען פארבונדן – איז דאך ידוע דער ר״ת וואס שטייט אין ספרים: רבה איז פארשטאנדיק די שייכות – דערפאר וואס ער איז געווען א מלמד, רב לתלמידיו; וואס איז דא די שייכות ״בר שילת״ –

איז דאס ע״ד ווי מ׳זאגט ״בן חורין״, וואס ס׳איז דער טייטש אז ער איז א זון, און זיין פאטער איז געווען א בן חורין, נאר ער אליין איז חורין, ווערט ער אנגערופן בן חורין;

רבה איז געווען אזא איד, אזא מלמד, אזא ״רבה״ – וואס ער איז געווען דער ״בר״, ער איז געווען אינגאנצן דורכגענומען מיט ״שויתי הוי׳ לנגדי תמיד״, וואס דאס איז דער ר״ת ״שילת״, אזוי שטייט אין ספרים.

בשעת ״שויתי ה׳ לנגדי תמיד״, איז בשעת עס קומט צו ״מלאכת ה׳״ – איז האט ער ״ה׳ לנגדי תמיד״ איז וואו ער זאל זיך נאר געפינען אז דעתייהו עלייהו״ – האט ער צו־טאן מיט דער ״מלאכת ה׳״.

**יח.** און וויבאלד אז מ׳מאנט דאס ביי א אידן, און מ׳מאנט דאס ביי א מחנך – איז א סימן, וויבאלד ״אינו מבקש אלא לפי כחו״, איז א זיכערע זאך אז מ׳גיט אים די כחות ער זאל דאס קענען אויספירן,

וכאמור, אויב ס׳יאז ניטא אויף דערויף קיין צייט, קיין כחות, בא דעם מורה, אדער בא דער מורה, בא דעם מדריך אדער בא די מדריכה – איז לכל הדעות מובן וגם פשוט, אז דאס איז די ערשטע אחריות פון ״דעתייהו עלייהו״ פון הנהלה פון יעדער ישיבה און ת״ת און בית חינוך איז שיהי׳ –

באווארענען וואו זיי געפינען זיך ווען זיי זיינען ניט אין כותלי בית החינוך, וואס פאר א השפעה זיי האבן דעמולט,

און פון ״דעתייהו עלייהו״ זאל אראפקומען אין המעשה הוא העיקר – באווארענען אין מעשה בפועל, אז דעמולט זאל זיין יענע שעות א המשך פון שעות

אין חינוך הכשר,

וואס דעמולט שטעלט מען אויף א "דור ישרים יבורך", ווארום מ'האדעוועט זיי אויף א "ספר הישר",

**יט.** ועד"ז בא אומות העולם, חסידי אומות העולם, וואס "יש להם חלק לעוה"ב", ווי דער פס"ד אין רמב"ם וכו'.

וואס דעמולט ווערט אויך די גאנצע סביבה א הכנה קרובה צו דעם "לתקן עולם במלכות שד"י", וואס דעמולט וועט דאך זיין דער "אהפוך אל עמים שפה ברורה לעבדו כולם שכם אחד",

וואס די הכנה לזה איז, אויף להאיר דעם "החושך יכסה ארץ וערפל לאומים", דורך אריינברענגען דעם קיום פון שבע מצוות ב"נ, דורך השפעה, יעדערער וואס קען אין דערויף משפיע זיין באופן ישר אדער בעקיפין וכו',

און ויה"ר אז "תרבה החכמה והדעת" בלשון הרמב"ם בכל העולם כולו, ובקרוב ממש וועט מען זוכה זיין לקיום היעוד פון "אהפוך אל עמים שפה ברורה לעבדו כולם שכם אחד", אז עס וועט זיין "כשם שאני נכתב כך אני נקרא" בכל העולם כולו, "ה' אחד ושמו אחד"

במהרה בימינו ממש, למטה מעשרה טפחים, ובשמחה וטוב לבב.

## שיחה ד.

**כ.** וואס דאס איז דאך געווען איינע פון די טעמים פון "צבאות השם", וואס מ'האט געבעטן אז מ'זאל צוזאמענקלייבן אידישע קינדער פאר בר־מצוה און פאר בת־מצוה, און נוסף אויף די שעות, וואס זיכער (ס'איז דאך כל ישראל בחזקת כשרות הן) באקומען זיי א חינוך הכשר אין א בית הספר המתאים –

זאל מען זיי מסביר זיין און מבאר זיין, אז זיי זיינען "צבאות השם", און ווי רש"י ברענגט אראפ בפירושו עה"ת [וואס דאס איז דאך גלייך פון "בן חמש למקרא"] אז "לגיונו של מלך, איז "ראוי הוא" אז מ'זאל אים ציילן פון "בן חודש ימים",

וואס אע"פ אז צווישן אידן גופא איז "לגיונו של מלך" – שבט לוי, איז דאך בערך פון כל העולם כולו – איז דאך יעדער איד, "מקטנם ועד גדולם", "צבאות השם", ווי ס'איז שוין געווארן גלייך ווען אידן זיינען ארויס, "הוצאתיך מארץ

מצרים", האבן זיי דעמולט באקומען דעם נאמען און דעם תואר אין תורת אמת "יצאו על צבאותם", "צבאות השם", האנשים ונשים והטף.

און די הדגשה מיוחדה, וויבאלד אז זיי זיינען פאר בר ובת מצוה – דארפן זיי דאך האבן א חינוך במיוחד ביתר שאת וביתר עוז, נוסף וואס די גמרא זאגט אין קידושין אז חינוך איז גאר דא פון בן י"ח אדער ביז בן כ"ד עד דידך על בריך,

איז דער עיקר החינוך איז דאך נאך קודם בא אדער בת מצוה, וואס דעמולט זאל מען אויך באווארענען (כאמור לעיל) "דעתייהו עלייהו", נוסף אויף די שעת וועז זיי זיינען אין בית הספר, זאל מען זיי צוזאמענקלייבן מיט דעם ענין אז זיי זיינען חלקים און זיי זיינען וועלן זיין בר מצוה ובת מצוה במשך הזמן, אבער שוין איצטער זיינען זיי שוין אין "צבאות השם",

און ווי איינער וואס געפינט זיך בצבא, וכידעו דער ווארט פון נשיא דורנו פון רבי'ן דעם שווער, (לקו"ד כרך א) אז אויב ער איז א בעל צבא וואס ער האט באקומען די ריכטיקע מושטירונג, דעם ריכטיקן חינוך וואס צבא גיט – איז דעמולט איז דער סדר אז ס'איז ניכר ניט נאר ווען ער געפינט זיך אין א שדה קרב במלחמה, אפילו ניט נאר ווען ער געפינט זיך אין די קאזארמעס (אין דעם "בייס" (אולי אמר "בית")) וואו אנשי צבא געפינען זיך, אדער בהלכו ברחוב;

אפילו באכילתו ושתייתו, און אפילו בשעת ער שלאפט – איז דער שלאפן פון א סאלדעאט (פון אן איש צבא) איז אנדער: לכאורה ער שלאפט דאך – איז אנדערש די תנועה פון זיינע אברים און דער אופן השינה שלו, אויב ער איז נאר געווען בצבא און באקומען דארט דעם חינוך המתאים – שלאפט ער אנדערש ווי איינער וואס ער איז ניט קיין איש צבא.

עאכו"כ בנוגע צו צבא השם, וואס גלייך ביצאו לאויר העולם איז דא בכל אחד ואחד דער נפש השנית בישראל איז חלק אלוקה ממעל, כלשון הפסוק, און ווי דער בעל הגאולה איז מוסיף אין תניא ביאור בזה, אז דאס איז "חלק אלוקה ממעל ממש", ווארום "מאן דנפח תוכי' נפח", און ווען איז דער "נפח", "ויפח באפיו נשמת חיים" – גלייך ווי ער גייט ארויס לאויר העולם, סיי אן אינגעלע אדער א מיידעלע – איז שוין דא דער חלק אלוקה ממעל ממש בכל אחד ואחת מהם.

**כא.** נאר וואס דען, דערנאך, כאמור, איז דאך דא די שעות וואס ער געפינט זיך בבית הספר, און דערנאך איז דא די שעות בדוגמא ווי מ'זאגט בא מ"ת אז זיי זיינען געווען בדוגמא פון א תלמיד הבורח מבית הספר, אז דאס איז אז מ'אנטלויפט, ר"ל, מצד די השפעה פון דעם חוץ פון די ענינים וואס ער באקומט בבית הספר –

איז אט דאס איז בשעת מ׳איז אין זיי מדריך, אז בכל שעות היום והלילה זיינען זיי ״צבאות השם״, א חלק מזה זיינען זיי ווען זיי לערנען תורת ה׳ און מ׳איז זיי מחנך לקיום מצוות ה׳, און א חלק מזה – אין ״כל מעשיך״ דארפן זיי אויך דעמולט וויסן אז ענינם איז, אויף ״נרות להאיר״ דעם חושך פון ״חושך יכסה ארץ״ מצד הבריאה,

דארף מען האבן דעם ״נר מצוה ותורה אור״, די ליכטיקייט פון תורה, וואס זיי דארפן דאס ברענגען בביתם וכל הסביבה שלהם ובכל העיר שלהם,

וואס אט דעמולט ווערט א שלום צווישן די שעות ווען דער תלמיד און תלמידה פאר בר ובת מצוה געפינען זיך בבית הספר, מיט די שעות ווען ער געפינט זיך ניט בבית הספר,

ואדרבא, ביי אן איש צבא, ביי איינעם וואס געפינט זיך בצבא, איז כאמור לעיל, איז, בלשון הרמב״ם, באכילתו ובשתייתו ובטיולו, און די אלע צען זאכן ווי ער רעכנט דארטן אויס – געפינט ער זיך און ס׳איז ניכר אז דאס איז ״החכם ניכר״ איז ניכר אז ער איז א טייל פון צבא השם.

**כב.** און דאס האט מען אויך פארבונדן, אויף נאכמער מקשר זיין און מאחד זיין און מחזק זיין די שייכות בניהם, די שייכות זייערע מיט תורת ה׳ און מצוות ה׳ – דורך עם ענין אז יעדערער פון זיי זאל האבן אן אות אין ספר התורה,

וכמדובר בארוכה וועגן דער ספר תורה, וואס די ערשטע האט מען שוין מסיים געווען אין ירושלים העתיקה און דער המשך באם כותל המערבי, און מ׳האלט אין מיטן שרייבן די צוויטע, כולל זיין אלע יקנדער זאל יעדער קינד, סיי אין אינגעלע סיי א מיידעלע, באקומען אן אות בתורה,

וואס תורה איז דאך א תורה נצחית, און תורת חיים, ס׳איז א לעבעדיקע תורה, און מאכט לעבעדיק דעם לעבן פון יעדער אידן, אז עס זאל זיין א חיים הראויים לשמם, גלייך ווי ער באקומט דעם תואר אז ער איז א חי, וואס דאס איז ברגע ראשון שיצא לאויר העולם איז ער שוין דינו כחי לכל דבר, כמבואר בהלכה בפשטות,

זאל דאס ווערן א קשר אמיתי, ווארום דאס איז א קשר דורך תורת אמת, און א קשר נצחי, ווארום התורה היא נצחית.

**כג.** און ויה״ר אז מ׳זאל ממשיך זיין אין דער פעולה, ביז וואנענט מ׳וועט מאחד זיין ״מפי עוללים ויונקים יסדת עוז״, ״אין עוז אלא תורה״, אלע עוללים און

אלע יונקים, אלע פאר בר מצוה ובת מצוה, אין דעם "עוז", און דאס וועט ווערן בא זיי "יסדת", א יסוד אין זייער לעבן, במילא איז "גם כי יזקין לא יסור ממנה",

און דאס וועט זיין דער "להשבית אויב ומתנקם", אויף מבטל זיין, משבית זיין דעם חושך הגלות, דעם אמת'ן "אויב ומתנקם", וואס דאס איז דער גלות, "בנים שגלו מעל שולחן אביהם",

און דעם צווייטן אפטייטש אין "להשבית", ווי די פלוגתא פון ר"י מיט די חכמים, אז ניט נאר "והשבתי חי' רעה", אז עס ווערט "להשבית מזיקין", נאר אויך עס ווערט דער "שמש גדול", "בכל לבבך בשני יצריך",

און מ'נוצט אויס די אלע ענינים פון גלות, נאך אין גלות צייט, אויף מאכן ליכטיקער דעם גלות מיט דעם אמת'ער ליכטיקייט פון "נר מצוה ותורה אור",

און די התחלה ע"י "עוללים ויונקים",

און דערנאך וועט מען גיין מיט זיי צוזאמען, "בנערינו ובבנינו ובבנותינו", מיט אלע צבאות השם, לקבל פני משיח צדקנו,

בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, און זיי וועלן גיין מתוך שלום, ווארום כל שעות היום והלילה זיינען זיי אין דעם זעלבן מעמד ומצב פון "צבאות השם" —

לקבל פני הוי' אלקי הצבאות, וואס ער וועט זיין "השיבנו" "יאר פניו אלינו ונושעה",

בגאולה האמיתית והשלימה, במהרה בימינו ממש.

## שיחה ה.

**כד.** ס'איז דאך אויך דער מנהג הידוע אז י"ט כסלו מאכט מען א סיום, און אויך צוזאמען דערמיט חלוקת הש"ס, במילא איז דאך אויך א סיום אויף א מסכתא בש"ס,

ס'איז דאך אן ענין וואס בקביעות שנה זו ווי ס'איז געווען די קביעות בפעם הראשונה אין די גאולה פון דעם אלטן רבי'ן, איז דאך דאס ביום שהוכפל בו כי טוב,

בשנה זו איז דאך אויך די קביעות, וויבאלד אז ס'איז ניטא קיין אדר שני, איז אויך ל"ג בעומר, וואס ס'איז דאך פארבונדן מיט תורת הנסתר, הילולא פון רשב"י, איז אויך ביום שהוכפל בו כי טוב,

און אויך דער פורים פון "מסמך גאולה לגאולה", גאולת פורים — איז אויך

ביום שהוכפל בו כי טוב,

און מ'זוכט דאך אלץ ענינים פון חידושים, ווארום אז ניט טענה'ט דער עולם אז מ'האט דאך שוין געהערט פאראיארן און פאר צווי יארן און מאי קמ"ל וכו' –

וועט מען אויך מאכן א סיום אויף די מצוות.

א סיום אויף א מסכתא איז דאך א סיום אין תורה, דערנאך איז דא אין תורה איז דא דער ענין פון מצוות, און "גדול לימוד שמביא לידי מעשה" – איז גאר דער מעשה איז דער תכלית צו וועלכן מ'קומט ע"י הלימוד, וואס דער מעשה איז דאס דער ענין המצוות.

איז דאך דא כו"כ מצוות [און] זיי שטייען בתורה, און אין א סדר מסויים, וואס סדר אין תורה איז דאך אויך א חלק פון תורה און א חלק פון הלכה, וואס דערפאר איז דאך דא כמה ענינים וואס מ'לערנט אפ בתורה, ביז אין הלכה בפועל, פון דערויף וואס עס שטייט פריער און וואס עס שטייט נאכדעם.

איז דאך אויך דא אין דער סדר המצוות די התחלה שלהם און אויך דער סיום שלהם,

**כה.** וואס דער סיום אין סדר המצוות איז, לרוב מוני המצוות ככולם – איז דאס די מצוה פון "ועתה כתבו לכם את התורה [השירה] הזאת".

וואס דאס איז אויך בהמשך צו דערויף וואס עס האט זיך גערעדט פאר דערויף, צו דער ספר תורה פאר בר מצוה און בת מצוה,

וואס כל ספרי תורה הנכתבים זיינען דאך אלע פארבונדן מיטן ציווי פון דעם פסוק, וואס דאס איז בסיום מנין המצוות, "ועתה כתבו לכם את התורה [השירה] הזאת", און דערנאך זאל זיין דער "למדה", זאל זיין דער ענין העשי', "גדול לימוד שמביא לידי מעשה" לימוד אין דער "למדה", דער לימוד, וואס דערנאך איז ער "מביא לידי מעשה", "לעשות את דברי התורה הזאת".

ס'איז דא אזוינע וואס רעכענען אויך דעם ענין פון "כי שם ה' אקרא הבו גודל", דער ענין פון ברכת התורה –

דאס איז דאך אבער אויך אן ענין אין לימוד התורה, וואס קומט לאחרי כתיבת הספר תורה,

און דערנאך איז דאך דער עיקר, אז "שם ה' אקרא" און "הבו גודל" איז דאך דאס מערניט ווי לדעת מקצת מוני המצוות, ולדעת רובם ככולם איז דער סיום פון מנין המצוות ווי זיי שטייען במנינם אין תורה – איז דאס די מצוה פון "ועתה כתבו

לכם את דברי התורה את השירה הזאת".

וכמדובר כמ"פ, אין דערויף איז דא א תמיהה הכי גדולה: די תמיהה הכי גדולה איז:

ס'איז דאך א הלכה ברורה אין שו"ע, און פאר דערויף אין רמב"ם, וברוב מוני המצוות, אז ס'איז א מ"ע מה"ת על כל אחד, אדער "על כל איש ואיש מישראל" אויף לכתוב את ספר התורה, דערפאר וואס עס שטייט "ועתה כתבו לכם", און די תורה איז "אינה נכתב "מגילות מגילות".

און בפועל – זעט מען ניט אז מ'זאל דאס מקיים זיין?!

ס'איז דאך דא דער המשך ווי ער זאגט אין שו"ע, "והאידנא", אז איצטער איז דאס דא דורך דערויף וואס ס'איז דא די ספרים, חומש און משנה און גמרא וכו', וואס פון דארטן לערנט מען "ולמדה" לעשות את דברי התורה הזאת –

איז דאך אויך אין דערויף ידוע די דעת כמה אז דאס איז א הוספה, ווי דער ט"ז זאגט, אז ניט די מצות עשה לכתוב את דברי השירה הזאת איז בטל געווארן, נאר ס'איז אויך דא; "האידנא" איז דער עיקר לימוד דארף זיין פון די ספרים; אבער די מצוה איז געבליבן בתקפה.

אפילו לדעת הש"ך וכו' וואס מ'וויל זאגן אז איצטער איז דער ענין פון לכתוב די ספרים חומש ומשנה וכו' - זעט מען אויך ניט אז מ'זאל אין דערויף מקפיד זיין, אז גלייך ווי ער ווערט חייב אין קיום המצוות, זאל ער קויפן [אדער מ'זאל אים שענקען עכ"פ, אט דעמולט איז דאס אבער ניט בשלימות, דארף ער קויפן] אדער שרייבן אן ענין פון חומש אדער פון משנה אדער פון ש"ס וכו'.

והפלא גדול עוד יותר, מ'האט געזען בא גדולי ישראל וואס האבן מקפיד געווען כל קלה כבחמורה, און דאס איז בא זיי גאר קיין חידוש ניט געווען – האט מען ניט געזען אז זיי זאלן מקפיד זיין בהקדם הכי אפשרי שרייבן א ספר תורה,

אפילו ניט זיך משתתף זיין אדער מגיה זיין אן אות אחת בתורה, ועד"ז אויך בנוגע צו קויפן ספרים, אדער צו שרייבן ספרים, ווארום "הקונה ספר", ווערט ווייטער א שקו"ט צי דאס איז קיום המצוה בשלימותה.

**כו.** דער פלא איז נאך גדול, מ'געפינט בא גדולי ישראל וואס האבן געמאכט א גאנצן פאראד, א חגיגה, ווען זיי האבן געשריבן א ס"ת און מסיים געווען בתרועה וחצוצרות וקול שופר מיט א גאנצן שטורעם –

ווען האבן זיי דאס אבער געמאכט – בשעת ס'איז דורכגעגאנגען צענדליקער

יארן נאך זייער בר־מצוה!

מצד דעם ענין פון "ועתה כתבו לכם", און ווי דער פסוק אליין איז מבאר און ס'איז מפורש אז דאס איז נוגע צו קיום המצוות, אז דאס [איז] פארבונדן מיט "ללמדה", ער זאל וויסן זיין [ווי אזוי] וואס ער דארף מקיים זיין די מצוות,

וואס ווען ווערט ער אין דערויף מחויב – ווערט ער מחוייב ווען ער ווערט א בר־מצוה אדער בת־מצוה, במילא איז ער מחוייב אז צו דעמולט זאל ער שוין האבן דעם "ועתה כתבו לכם את השירה הזאת",

כדי אז בשעת ער וועט ווערן א בן י"ג, אדער בת י"ב, זאלן זיי שוין וויסן את המעשה אשר יעשון, "ללמדה" – דארפן זיי האבן פון וואנענט דאס צו לערנען – דארף שוין צו דעמולט זיין פאסטיק די ס"ת.

איי וואס ער איז ניט מחוייב דעמולט במצוות – איז דאך ידוע אין דערויף בנוגע צו לימוד תורה לעכו"ם ווי איז דער דין בנוגע צו א גר, צי מעג מען מיט אים לערנען די תרי"ג מצוות (נוסף אויף די שבעה מצוות "דידהו"), איז דאך לדעת כמה פוסקים מוז מען מיט זיי לערנען, ווארום מ'האט קיין ברירה ניט גלייך ווי ער ווערט נתגייר איז בה ברגע איז ער שוין מחוייב,

און ווי מ'געפינט דאך דארט וואו מ'לערנט אפ הלכות גירות בעיקר, פון מעשה נעמי ורות, דערציילט זיך במדרשי חז"ל אז נעמי האט געלערנט מיט רות'ן די דינים פון די ד' מצוות און דער חילוק שביניהם, און כמה פרטי ענינים וואס זיי האבן קיין שייכות ניט צו דעם ענין פון שבע מצוות בני נח, און האט דאס מיט איר געלערנט קודם שנתגיירה,

און נאך מערער – דעמולט האט זי זיך משתדל געווען אז זי זאל זיך ניט מגייר זיין, און האט גערעכנט, ווי ס'איז משמע פון פשטות הכתובים, אז פונקט ווי זי האט דאס געפועל'ט ביי ערפה, אזוי וועט זי דאס פועל זיין ביי ערפה'ס שוועסטער,

און אעפ"כ האט זי איר דאס שוין געלערנט, ווארום מ'האט קיין ברירה ניט – מלמדין אותו קלות וחמורות" קודם שנתגייר.

וואס עד"ז איז דאך אויך וואס מ'זאגט אז חיוב הקטן בלימוד התורה שרייבט דער רמב"ם אן אנדער לשון "משיגדל" "משיכיר" (????), ניט ווען ער וועט ווערן בר־מצוה, בנוגע צו לימוד התורה, ווי דער צ"צ טייטשט דאס אפ אין פסקי דינים אז לימוד התורה איז לדעת הרמב"ם איז משמע פון דעם דיוק הלשון איז ער מחוייב נאך איידער ער ווערט א בר־מצוה, א חידוש גדול ביותר (לקו"ש אמור תשל"ח), ווארום דאס איז א הכרח, גלייך ווי ער ווערט א בר מצוה דארף ער שוין מקיים זיין א מצוה,

יראת ה', אמונת ה', אחדות ה', די אלע "שש ערי מקלט תהיינה לכם", ווי ער זאגט אין הקדמה פון ספר החינוך, וואס האדם מחוייב בהם בכל רגע ורגע (לקו"ש תצא (בענין זכירת מעשה עמלק) תשל"ו), גלייך פון דער ערשטער רגע ווען ער ווערט א בר־מצוה.

וכאמור, ידע אינש בנפשי', דער טאטע איז געווען א מדייק בקלה כבחמורה, קיינמאל פון אים ניט געהערט, ניט נאר נאך בר־מצוה, (נאר אויך) יארן נאך בר־מצוה, וועגן דעם ענין אז איך זאל זיך משתדל זיין משתתף זיין זיך אין א ס"ת, מגיה זיין אות אחת וכיו"ב.

ועד"ז געפינט מען דאך אויך אין סיפורי רבותינו נשיאינו, און סיפורי מגדולי ישראל בכלל, וואו זיי דערציילן וועגן דברי ימי חייהם, געפינט מען ניט אז זיי האבן מחנך געווען, בניהם עכ"פ (אז מ'זאל זאגן (כדעת הרוב) אז דאס איז מצוה על האנשים, אז מ'זאל זיין מחנך זיין), אז גלייך ווי ער ווערט דרייצן יאר דארף ער שוין טראכטן וועגן דעם ענין פון קיום המצוה, "ועתה כתבו לכם".

**כז.** וואס [עס זיינען] דע אזוינע וואס האבן געוואלט מתרץ זיין, אז מ'געפינט עד"ז בנוגע צו מצות מילה,

וואס מצות מילה איז דאך גלייך ווען ער ווערט בן שמונה ימים, דארף זיין "ימול", און דערנאך ווען ער ווערט בן י"ג איז אט דעמולט ווערט דאס מוטל עליו,

(לקו"ש חי"א שיחה פ' בא?)

[ס'איז דאך דא דיביידע פירושים עד דעמולט, צי דאס איז מוטל על הבן, [נאר] וויבאלד ער איז א קטן האט מען דאס איבערגעגעבן דעם פאטער, אדער דאס איז מלכתחילה דעם פאטערס א חיוב, אבער לאחרי כשנעשה בן י"ג, איז לכל איז דארף ער זיך אליין מל זיין, אויב ביז דעמולט איז דאס ניט געווען, מאיזו סיבה שתהי'].

אעפ"כ פסק'נט אב דער רמב"ם, אז דער חיוב כרת ר"ל איז ערשט דעמולט ווען ימות ואינו נימול. מחוייב איז ער מחויב כל משך ימי חייו; ווען איז דער חיוב כרת – ווען מ'זעט אז ער קען דאס שוין ניט מקיים זיין,

דאס האט אבער קיין שייכות ניט צו דער מצוה, ווארום די מצוה "ועתה כתבו לכם" שטייט בפירוש אז דער תכלית בזה איז "ולמדה", כדי ער זאל קענען מקיים זיין מצוות, און מצוות דארף ער מקיים זיין בכל יום ובכל רגע.

וי"ל בזה, מ'דארף דאס האבן א הסברה, נוסף על האמור (און מ'האט דאס

געוואלט זאגן בדרך קס"ד), אז אין דערויף איז געזאגט אז ער וועט מגיה זיין אן אות בתורה, אפילו אינו מוטעה.

וכמדובר כמ"פ באריכות, אז ס'איז דא אין דערויף דער לשון ווי עס שטיט אין רמ"א איז דוקא א ספר מוטעה אז ער האט מגיה געווען,

דערנאך איז דא דער דין עולה אל תשכן באהלך, אפילו ווען דאס לכמה (לדעת כמה, דער בני וכמה גדולי הפוסקים) אז ער דארף דאס מגיה זיין אפילו אז דערנאך ווייזט זיך ארויס אז דארט איז ניטא קיין גרייז האט ער מקיים געווען און מבטל געווען דעם "תשכן עולה באהלך", ניט ווי לדעת הפוסקים אז דאס איז דוקא ווען איז "אל תשכן ב[אהלך] עולה" – ווען דאס איז א ספר מוטעה.

איז דער זעלבער אבער בני יונה שרייבט, אז בנוגע צו "ועתה כתבו לכם", אז ס'איז יוצא מיט הגה"ה אות אחת, איז דאס דוקא אויב דאס איז א ספר תורה מוטעה.

אבער עס זיינען דא כמה וואס ס'איז משמע מלשונם, אנהויבנדיק פון דעם טור וכיו"ב, וואס ניט [ער] זאגט דעם ווארט "מוטעה", אז אפילו ווען דאס איז ער איז מגיה אין א ספר שאינו מוטעה,

אבער כאמור, מ'האט ניט געזען, בא גדולי ישראל אפילו, מקפידים ומחמירים בקלה כבחמורה, אז זיי זאלן מחנך זיין זייער א זון גלייך ווי ער איז געווארן בר־מצוה – זאל ער גלייך מגיה זיין א ס"ת!

כ"ח. דערנאך קומט, כאמור כמ"פ, די "קלאץ קשיא": בשעת משה רבינו האט געזאגט דעם "ועתה כתבו לכם את השירה הזאת", איז דאך דאס געווען בשנת הארבעים, אין חודש אדר, קרוב לשבעה באדר,

[אלה הדברים האט ער געזאגט בראש חודש אדר, און דערנאך איז דורכגעגאנגען כמה טעג, ביז ווילך איז געווען בשבעה באדר, און דעמולט איז געווען (אדער בסמיכות לזה) די מצוה "ועתה כתבו לכם את השירה הזאת"],

איז דאס געווארן א מצוה חדשה, וואס האט דעמולט געדארפט געטאן ווערן – האבן אלע ששים ריבוא מישראל גדולים געדארפו לויפן און שרייבן א ס"ת,

מ'געפינט ניט אין קיין ארט א רמז; פשוטם של ענינים איז דאס א זאך וואס איז געווען אוממעגלעך, ווארום גלייך שבעה באדר איז דערנאך געווער דער אבל משה, דערנאך איז געווען די הכנות צו עובר זיין את הירדן – ס'איז ניט שייך קיין מציאות אז יעדערער זאל מקיים זיין די מ"ע מה"ת "ועתה כתבו לכם" במשך הזמן צווישן שבעה באדר, אדער ששה באדר, ביז אויף מארגן אדער ביז אויף איבערמארגן, אדער אפילו ביז עשירי בניסן שעברו את הירדן,

נוסף אויף דעם ענין וואס מ'האט געדארפט האבן דעם קלף כשר, און דיו כשר, און א סופר וואס קען דאס שרייבן, מיטן גאנצן שטורעם והכנה לזה — א דבר וואס בדרך הטבע איז געווען בלתי אפשר לקיים,

די קשיא איז אבער מלכתחילה קיין קשיא ניט:

ווארום ביז דעמולט איז דאך אויך געווען דער ענין פון כתיבת התורה, און ס'איז געווען אויך דער ציווי אז "דברים שבכתב אין אתה רשאי לאומרם בע"פ" איז שוין געזאגט געווארן בא מ"ת, ווי עס שטייט בפירוש אין תושב"כ אין ספר שמות, "כתב לך את הדברים האלה".

במילא אז דעמולט האט מען געהערט א מצוה פון משה רבינו, אדער א פסוק אין תורה פון משה רבינו, און משה רבינו האט דאס געזאגט אז דאס איז א חלק פון תושב"כ, ניט תורה "בפירושה" ניתנה, די פירושים וואס ער האט דערנאך געזאגט אויפן פסוק, ער האט געזאגט אז דאס איז תושב"כ, איז גלייך אויף דערויף חל געווען דער חיוב אז מ'מוז דאס פארשרייבן, ווארום "אי אתה רשאי לאומרם בע"פ", זיי דארפן דאך דערנאך חזר'ן די תורה וואס זיי הערן פון משה, ביז וואנענט אז דאס וועט ווערן בא זיי "ושימה בפיהם", האבן זיי דאס געמוזט פארשרייבן בהקדם הכי אפשרי כדי זיי זאלן דאס קענען לערנען מן הכתב.

במילא, איז כל עניני תושב"כ, ביז דעם פסוק "ועתה כתבו לכם" — איז שוין בא זיי געווען אנגעשריבן; וואס האט מען דעמולט געדארפט מוסיף זיין — ערשט פון דעם פסוק ולהלן,

וואס דאס איז געווען בגדר האפשרי מ'זאל דאס קענען מסיים זיין כאו"א וויבאלד אז מ'האט דאס געדארפט מוסיף זיין צו די ספרי תורה וואס זיי האבן שוין געהאט כתוב בכתב און געשריבן ווי דאס איז ווי דער אויבערשטער האט אנגעזאגט אז דאס זאל ווערן "כתב לך את הדברים האלה", אין אן אופן אז "אי אתה רשאי לאומרם בע"פ".

וואס עפ"ז בלייבט דאך אבער נאך אלץ די קשיא העיקרית, וואס מ'זעט דאך מנהג ישראל בכל הדורות, אז מ'קעט ניט וויסן און טראכטן אפשר איז געווען אמאל א הנהגה אחרת, אבער עס וואלט דאך אבער געווען אויב עס וואלט געווען א שינוי פתאומי (אדער ניט פתאומי) וואלט ער געווען אנגעשריבן און דערציילט, אז דעמולט האט מען אויפגעהערט, אדער דעמולט האט מען אנגעהויבן, און ס'איז געווארן א שינוי בקיום מ"ע זו;

לויט די לשונות פון דעם סימן אין שו"ע יו"ד וואו עס רעדט זיך וועגן דער מצוה פון "כתב לכם" ונו"כ, ועד"ז אין רמב"ם ונו"כ — איז משמע אז אין דערויף איז

ניט געווען קיין שינוי פתאומי.

**כט.** וואס יש לומר בזה, עכ"פ אויף פארענטפערן א קשיא איז דאך ידוע דער חילוק אין דרכי הלימוד, אז אויף פרעגן א קשיא דארף מען האבן א סברא וואס זאל זיין אויסגעהאלטן מכל צד ופינה, ווארום אז ניט איז דאס קיין קשיא ניט כדבעי;

אויף פארענטפערן א תירוץ, ובלשון המשנה "לקיים דברי חכמים" — איז אפילו א סברא כל דהוא, וויבאלד אז דאס איז לקיים מנהג ישראל, און מנהג ישראל אפילו פון גדולי ישראל — איז א סברא איזו שתהי' איז שוין כדאי,

ובפרט נאך אז קרוב לומר אז דאס איז גאר א גוטע א סברא וואס זי איז אויסגעהאלטן אויך,

און דאס איז, וואס מ'געפינט עד"ז:

בשעת מ'זאגט א סברא איז מי יאמר אז דאס איז א סברא גענומען פון הלכה, און דאס האט א שייכות צו הלכה און על יסוד זה פירט מען זיך — איז די סברא איז דאס דא בנוגע צו א צווייטע מצוה בתורה, און די הנהגה ווי דאס איז דארטן קען מען אפלערנען בנוגע צו די הנהגה בספר תורה זה.

וואס וואס איז די הסברה אין דער ספר תורה, אז ס'איז דאך דא, בכל הדורות איז געווען, פונקט ווי ס'איז געווען א ספר תורה דיחיד אזוי איז געווען א ספר תורה דרבים, ווי ס'איז משמע אויך פון לשון דיני מהשנה און דיני הגמרא און דיני הפוסקים, און ווי מ'זעט דאס אויך בפועל,

ביז ווי דערציילט אויך בנוגע צו דע ערשטע ספרי תורה, איז געווען א ס"ת וואס משה רבינו האט געגעבן איין ס"ת אין א גאנצן שבט, איז דאס געווען זיכער א ס"ת דרבים, צוזאמען דערמיט איז געווען דער "ועתה כתבו לכם", "מצוה על כל איש מישראל לכתוב התורה", איז זיכער געווען א ס"ת דיחיד.

אויף א ס"ת דרבים איז בית־דין בעה"ב, און בי"ד קען טאן מיט דעם ס"ת ווי לב ב"ד מתנה עליהם".

בשעת דער ב"ד איז מתנה אויף א ס"ת דרבים אז דאס זאל זיין א שייכות לכל יחיד ויחיד פון אט דעם שבט — איז אט דעמולט ווערט דאס אינגאנצן דעם יחיד'ס;

דאס איז ניט דער פירוש אז דאס איז א ס"ת דרבים וואס דער יחד קען אהינצו ליינען בה וכו' — נאר "לב ב"ד מתנה עליהם" קען אויך מתנה זיין אז דאס ווערט נכסיו של כל יחיד ויחיד בפני עצמו.

אפילו שולל זיין דעם ענין אז דאס איז ניט דאס ווערט אן ענין פון שותפין,

וואס לדעת כו"כ, ולרוב הפוסקים, קען מען ניט יוצא זיין א ס"ת דשותפין די מצוה פון "מצוה על כל איש לכתוב ס"ת".

וויבאלד אבער אז "לב ב"ד איז מתנה", און ס'איז ניטא קיין הגבלות וואס א "לב ב"ד" קען מתנה זיין – וויבאלד אז דאס איז ב"ד של ישראל ע"פ התורה, ביז ווי דאס ווערט דערנאך נמשך לכל ב"ד של שלשה הסמוכין (וואס האבן סמיכות) און פסק'נען שאלות כהלכה, קענען זיי מתנה זיין אויף נכסי צבור (וואו זיי זיינען דער ב"ד) ווי זיי געפינען פאר נויטיק לתקן ולשפר און אויפטאן ענינים בתורה ומצוותי'.

קען ב"ד מתנה זיין ניט נאר אן ענין של שותפות, נאר נאכמערער – אז דאס ווערט א ס"ת דיחיד.

וואס דאס פארענטפערט אויך, לכאורה מ'דארף דאך האבן אין דערויף אן ענין פון "ללמדה", זעט מען דאך אבער בפועל, אז "לב ב"ד" איז מתנה אז יעדער יחיד האט דער רשות הב"ד ער זאל עולה לתורה זיין און זיך משתמש זיין מיט אט דער ס"ת דרבים, און ער מאכט א ברכה לפני' ולאחרי' אלס א יחיד וואס ער איז מברך אויף די פסוקים בתורה וואס מ'לייענט פאר אים,

און תורה איז דאך ניט "מגילות מגילות" – גיט דאס אים בעה"ב'שקייט אויף דער גאנצער תורה.

איי ווערט דאך די שאלה: דאס געהערט דאך אבער צו דעם וואס איז עולה לפניו און עולה לאחריו, צו אלה שבעה קרואים, און צו די קרואים וואס זיינען געווען מיט א וואך צוריק, צי מיט צווי וואכן צוריק, אדער מיט צווייטער צוריק, ביום שני וחמישי –

איז דאס אבער קיין סתירה ניט: בשעת "לב ב"ד מתנה" קען ער אויסנעמען א תנאי, בשעת מ'הייסט דעם סופר שרייבן דעם ס"ת דרבים – אז ער זאל דאס שרייבן לכתחילה לשם אין אז אופן, אז כל יחיד ויחיד ווען ער וועט דאס דארפן ללמדה זאל דאס ווערן זיין ס"ת דיחיד.

**ל.** דערנאך איז דאך דא אין דערויף די שאלה הידועה: וואו איז אבער דא דער ענין פון "כתבו לכם".

וכמדובר אין די שקו"ט פון אחרונים אין דער מצוה, אז איינער פון די טעמים פארוואס "הקונה ס"ת" איז דאס ניט (לדעת כמה) כדבעי – דערפאר וואס ער האט טאקע א ס"ת, ער האט אבער ניט מקיים געווען דעם "ועתה כתבו לכם";

קען ער מקיים זיין דעם "ולמדה", ער האט אבער ניט מקיים געווען דעם

"ועתה כתבו לכם";

עד"ז לכאורה איז אויך ווען ער איז עולה לתורה, איז ער מקיים דעם "ולמדה", וואו איז אבער דא דער קיום פון דעם "כתבו לכם"?!

וואס האט דא קומט צו נאך אן ענין וואס איז גאר גענומען פון חושן משפט;

ס'איז דאך דא דער דין בנוגע צו מצרים פון א שדה, א שדה האט דאך גבולים ומצרים, דערנאך איז דא א מחלוקת קעין זיין א מחלוקת צווישן איינעם מיט א צווייטן בהחלק אין דעם שדה — וואו ענדיקט זיך דער מיצר פון איינעם מיט א צווייטן בהחלק אין דעם שדה — וואו ענדיקט זיך דער מיצר פון איינעם און עס הויבט זיך אן דער מיצר פון א צווייטן.

און דעמולט איז דא כמה תנאים וענינים ווי אזוי דאס צו מברר זיין. איינער פון די "בירורים" איז: אז אויב דער וואס קומט די טענה אז דער חלק השדה געהערט צו אים, דערפאר וואס דער מצר פון דעם שדה געפינט זיך ווייטער, און עס ווייזט זיך ארויס אז ער האט געשריבן אין א שטר, בעת ער האט געדארפט שרייבן סימנים פון א שדה, האט ער דערמאנט אין יענעם שטר אז דער מיצר פון דעם שדה איז דאס לויט פון דעם דעת הטוען כנגדו —

איז אט דאס איז שוין מוכיח אז ער האט מודה געווען אז די מצרים פון דעם שדה איז לויט ווי דעת הטוען כנגדו, והראי' — ער האט אזוי געשריבן איז זיין שטר.

ס'איז מנהג ישראל תורה הוא, ובפרט בקשר צו בר־מצוה, אז בשעת ער ווערט א בר־מצוה איז עולה לתורה.

בשעת ער איז עולת לתורה און מאכט א ברכה לפני' ולאחרי' — זאגט ער עדות אז דאס איז א ס"ת כשרה.

וואס דאס איז נאך מערער פון מגיה זיין: מגיה זיין איז ער מערניט ווי גמיה, דא איז אבער ניטא דער ענין פון א ברכה לבטלה, וואס לדעת כמה איז דאס א מצות [ל"ת] מה"ת, "לא תשא את שם ה' לשוא", ובפרט נאך וואס דאס איז ברכת התורה, וואס כאמור לעיל לדעת כמה איז דא א מצות עשה מה"ת, א ברכה מה"ת.

און בקרוב, אדער ביום הבר־מצוה עצמו, אדער בקרוב לזה — איז ער עולה לתורה און מאכט א ברכה לפני' ולאחרי', וואס דורך דערויף איז ער מאשר די מצרים פון דער ס"ת — אז דאס איז א ס"ת כשרה,

און מאשר ניט נאר במחשבה, ניט נאר בקני' בממון — ער איז דאס מאשר במעשה זוטא בעקימת שפתיו, ע"י דיבור, און עקימת שפתיו אין צוויי ברכות, פארבונדן מיט ברכת התורה.

וואס עפ"ז ווערט פארענטפערט די אלע ענינים האמורים, ביז וואנענט אז דאס ווערט אן ענין וואס ער איז מקיים א מ"ע מה"ת ע"פ המבואר לעיל.

**לא.** כמדובר לעיל איז דאך דאס א חידוש גדול – האט דער אויבערשטער געהאלפן און ס'איז דא דוגמתו אין מ"ע מה"ת:

איינע פון די מ"ע מה"ת איז "ולקחתם לכם ביום הראשון" די ד' מינים.

זעט מען א מנהג ישראל בכל מקום, אז נוסף וואס ס'איז דא יחידים וואס זיי האבן ד' מינים משלהם – איז דא ד' מינים של הקהל. ובזמן פון צער (צר?) ומצוק פון גלות, איז ברוב עיירות ישראל איז געווען גאר דער רוב הצבור, מצד מעמד הכספי והגשמי והחומרי – האט מען געדארפט אנקומען צו "ולקחתם לכם" מיטן אתרוג ולולב די ד' מינים וואס קהל האט געקויפט.

וואס ביום ראשון של סוכות איז דער דין אז עס דארף זיין "ולקחתם לכם", עס טאר ניט זיין של צבור, עס טאר זיין (לרוב הפסקים, לויט תוספות ולדעת רוב הפוסקים) אפילו ניט קיין אתרוג השותפין; ביום ראשון טאר דאס ניט זיין אפילו קיין שאול, אפילו ער האט דאס אים געליען, אבער בדרך שאלה ניט בדרך מתנה – דעמולט איז ער ניט יוצא די מ"ע.

וואס פארענטפערט אט דעם היתכן אז מ'מאכט א ברכה, און ס'איז א מנהג ישראל בכל מקום, און ניט עס טוען נאר אזוי [צריך להוסיף כמה מילים] צווישן גדולי ישראל איז ניט אלע האבן אויסגעפירט בפועל אויף האבן ד' מינים משלהם, כאמור, מפני עניותא, און מ'האט געבענטש מיט ד' מינים דדעת הקהל.

נאך מערער: עס זיינען געווען גדולי ישראל וואס האבן אויסגעפירט ד"מ משלהם, און דערנאך, מצד דערויף וואס קהל האט ניט געהאט קיין ד"מ – האט מען מזכה געווען ביום הראשון לכל אנשי הקהילה זיי זאלן בענטשן מיט זייער אתרוג ולולב,

וואס ווי אזוי האט מען זיי מזכה געווען, ווי דער דין אין שו"ע, וויבאלד ער גיט אים בענטשן איז דאס אליין א הוכחה אז ער גיט אים אין אן אופן אז יענען מעג בענטשן, דאס הייסט, ער גיט אים אפ א מתנה.

איי וואס אדאס איז על מנת להחזיר – דאס איז ניט מבטל די מתנה, דאס איז נאך אן ענין, אבער בשעת מעשה איז דאס "שלכם", איז דאס "לכם", "ולקחתם לכם".

זעט מען בכל שנה ושנה, און אין א מצוה וואס זי איז בפשטות אנגענומען

אופן הקיום שלה, אז מ'בענטשט מיט א ד"מ של קהל ביום ראשון, בברכה, צוזאמען מיט "שהחיינו", און פארוואס טוט מען דאס – דערפאר וואס בשעת ער בענטשט האט דער קהל דאס אים אפגעגעבן [דורך דעם שמש אדער דורכן גבאי, וואס זייער תוקף נעמט זיך מצד שבעה טובי העיר, מצד דעם ב"ד] אז דאס זאל ווערן שלו לגמרי, אויף דער צייט וועמען ער דארף בענטשן,

דערנאך נעמט דאס א צווייטער. און בשעת ער בענטשט ווייסט ער, וואָרום עס שטייט לעבן אים א צווייטער, אז נאך דערויף וועט דאס ווערן דעם צווייטן'ס, אויך מיטן גאנצן שטורעם, און פאר אים איז דאס אויך געווען א צווייטן'ס מיטן גאנצן שטורעם,

מיט וואס ווערט דאס זיינע – דורך "לב ב"ד מתנה עליהם, דערנאך מאכט ער די ברכה, און עס ווערט א קיום מ"ע מה"ת ביום הראשון "ולקחתם לכם ביום הראשון" די אלע ד' מינים.

וואס עפ"ז קומט אויס פארענטפערט דער כל ענין האמור.

**לב.** און דערביי איז אויך דער שעת הכושר צו דערמאנען נאכאמאל, בדוגמא ווי עס האט זיך גערעדט בנוגע צו ס"ת וואס איז מאחד כל ילדי וילדות ישראל פאר בר ובת מצוה –

עד"ז אויך ארויסברענגען דעם "פדה בשלום", אז אלע אידן שטייען בשלום, דורך "דרכי' דרכי נועם וכל נתיבותי' שלום", וואס מ'האט אן אות אין דער תורה,

איז ניט נאר דער פירוש אז מ'האט איין אות אין א ס"ת דרבים, אדער של כלל ישראל – אט דער איין אות אין תורה, בדוגמא פון מגיה איין אות אין תורה – האט ער אויך די ס"ת אלס א ס"ת דיחיד.

און ס'איז קיין סתירה ניט, וואָרום "לב ב"ד מתנה עליהם" קען אויספירן אז דאס זאל ווערן א מציאות אמיתית שלו, און דערנאך א רגע לפנ"ז און א רגע לאח"ז – א מציאות אמיתית פון א צווייטן,

בא יעדערן פון זיי אין ביידע אופנים, סיי אין אן אופן פון א ס"ת דיחיד, "ועתה כתבו לכם את השירה הזאת", סיי די מצוה וואס מ'האט אין א ס"ת דרבים, וואס דאס איז א מצוה בפני עצמה – דאס פאראייניציקט אלע אידן אין איין ס"ת, ניט ער האט א ס"ת פאר־זיך, נאר דאס ווערט אן ענין כללי פון כלל ישראל.

און ויה"ר אז פון דעם "שלום" וואס איז פארבונדן מיט "וכל דרכי' [נתיבותי'] שלום", זאל דאס ארויס אויך אין פועל, אז יעדער איד זאל האבן אן אות אין איינע

פון די ס"ת הכללים,

וכמדובר, פונקט אזוי ווי בא משה רבינו בשעת ס'איז געווען דעם ערשטן מאל דער ציווי "ועתה כתבו לכם" האט ער געגעבן יעדער שבט א באזונדער ס"ת, נוסף אויפן ס"ת הי"ג וואס דאס איז געווען בעזרה וכו', ווי דער פירוש בזה איז –

עד"ז איז דאך אויך איצטער איז דאך דא שינוי נוסחאות, בנוגע צו צורות האותיות, שינוי נוסחאות בנוגע צו חסר ויתיר וכיו"ב, וואס מצד דערויף איז דאך יעדערער האט דאך זיך זיין ס"ת, נעמען זיי זיך אבער אלע צוזאמען פון דר איין און איינציקער ס"ת הי"ג שכתבה משה, און פון איר איז מען מגיה כל ספרי תורה שבעולם,

און די אחדות אמיתית, דער שלום אמיתי, וואס ווערט דורך תורת שלום, צווישן גדול השלום, דער ענין פון "וישם לך שלום" וואס דער אויבערשטער זאגט אויף יעדער אידן הייסט ער די כהנים אז זיי זאלן זיי בענטשן באהבה "וישם לך שלום", ביז וואנענט אז דאס ווער אויך דער סיום פון כל ששה סדרי משנה, דער ענין השלום, אויך דער סיום פון מסכתא ראשונה שבתושבע"פ, פון מסכתא ברכות,

זאל דאס ברענגען, כאמור לעיל, צו "ונתתי שלום [בארץ]", די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו,

ובמהרה בימינו ממש.

## שיחה ו.

**לג.** מ'האט דאך גערעדט לעיל, אז אע"פ וואס ס'איז דא א סיום אויפן מנין המצוות, מיט דער מצוה פון "ועתה כתבו לכם את השירה הזאת", אבער דער רגיל איז דאך, און מ'איז דאך פארבנודן מיט חלוקת הש"ס, איז דאך שווער צו מקשר זיין חלוקת הש"ס מיט א סיום אויף מנין המצוות –

וועט מען אויך מאכן עכ"פ בקיצור א סיום אויף א מסכתא אין ש"ס,

און וויבאלד אז עס האט זיך פריער גערעדט בארוכה ווי אזוי דער אלטער רבי איז מדגיש זיין גאולה בקשר מיט "פדה בשלום", און חזר'ט איבער דעם "בשלום, כמ"פ באגרת הידועה שלו צוזאמען [אין צוזאמענהאנג] מיט זיין גאולה – וועט מען אויך מאכן א סיום אין ש"ס – אויף דער מסכתא וואס סיומה איז אויך מיט ריבוי פעמים וואס עס ווערט דערמאנט דער ענין פון שלום.

וואס דאס איז מסכתא ברכות.

וואס אע"פ וואס מ'האט שוין געמאכט כמ"פ א סיום אויף מסכתא ברכות, און ס'איז דא אין די ספרים וואס דרוקן די הדרן'ס איז לכל לראש איז מנהג ישראל אז מ'מאכט א הדרן אויף מסכתא ברכות – ווערט דאך די שאלה (פרש"י וארא ז, כב) "תבן אתה מכניס לעפריים",

...איך האב אמאל געזאגט ע"ד הצחות אז דאס איז די טענה פון פרעה, אבער ניט משה האט זיך געפירט אין אן אופן הפכי – ער האט מכניס געווען תבן לעפריים.

אבער עפעס מאכן א שינוי – וועט מען דאס פארבינדן מיטן סיום פון מסכתא ברכות אין ירושלמי.

וואס זיכער איז דאך אויף יעדער שינוי בתורה איז דאך דאס גופא צריך לימוד מאי טעמא פון דעם שינוי,

און וויבאלד אז מ'געפינט כמה שינויים באותה סוגיא, באותה מסכתא וכו', און דער חילוק הכללי בה איז, דאז איז אין ירושלמי און דאס איז אין בבלי – איז א סימן אז ס'איז דא עפעס א קשר ביניהם,

וכידוע דער דין אז בשעת מ'געפינט פינף שטרות צוזאמען, און מ'ווייס ניט צו וועמען דאס געהערט צו איינעם פון די פינף – איז אט דעמולט קוקט מען אין די שטרות, אויב אין די אלע ריבוי שטרות איז דער זעלבער מלוה – איז א סימן אז דאס האט פארלארן דער מלוה, אויב אין די אלע שטרות איז דער זעלבער לוה איז א סימן דאס האט פארלארן דער לוה,

וויבאלד אז דא געפינט מען א נקודה, א צד השוה, אז די אלע שינויים זיינען פארבונדן וואס דאס געפינט זיך אין ירושלמי און דאס געפינט זיך אין בבלי – איז יש מקום לומר, לקיים דברי חכמים אויף געפינען אין דערויף א שייכות, אז דאס איז א לשיטתי' צווישן בבלי וירושלמי.

**לד.** ווארום דער סיום אין מסכתא ברכות אין ירושלמי, וואס דאס איז דאך געווען קודם הבבלי בזמן, דער סיום ש"ס ירושלמי ע"י ר' יוחנן, און ש"ס בבלי ערשט הונדערט יאר לאח"ז (אן ערך) ע"י רבינא ורב אשי –

איז דער ערשטער סיום איז געווען מסכתא ברכות ווי איז אין ירושלמי, און פארענדיקט זיך אויך מיטן מאמר "אמר ר"א א"ר חנינא ת"ח מרים שלום בעולם, ות.. (וטעמי'?) וכל בניך לימודי ה' ורב שלום בניך", דערמיט ענדיקט זיך אין ירושלמי.

דער זעלבער מאמר ווערט געבראכט אין בבלי, אבער ניט דאס איז דער סיום;

נאך דערויף שטייט "ורב שלום בניך, א"ת בניך אלא בוניך", און דערנאך ווערט אראפגעבראכט (ווי מ'זאגט דאס אויך בתפלה בכל יום) "שלום רב לאוהבי תורתך ואין למו מכשול", ביז "ה' עוז לעמו יתן ה' יברך את עמו בשלום".

וואס אין ירושלמי איז ניט דער גאנצער המשך הדברים.

ע"ד ווי ס'איז דא דער חילוק אין דעם המשך לאחרי הסיום אין ירושלמי – עד"ז איז אויך דא דער חילוק אין דער הקדמה נאך וועלכע עס קומט א"ר אליעזר א"ר חנינא.

אין ירושלמי רעדט זיך פאר דערויף אז ר"מ הי' אומר אז אין לך אדם מישראל וואס ער איז ניט עוסק במאה מצוות בכל יום, און רעכנט דערנאך אויס די מאה ברכות,

דערנאך איז ער אויך ממשיך אז יעדער איד איז מסובב במצוות, ווארום ער האט תפילין בזרועו און תפילין בראשו, דערנאך האט ער ציצית, דערנאך האט ער מילה וכו', שאמר "שבע ביום הללתיך", און ברענגט דערנאך נאך א פסוק,

דערנאך זאגטער אז דוד איז "נכנס לבית המרחץ וראה עצמו ערום הסתכל במילתו" איז אט דעמולט איז געווארן "נח דעתו" און ער האט געזאגט "לנמצח על השמינית לדוד", "על השמינית" וואס גייט אויפן מילה וואס מצוותו איז דאך בשמיני,

און דערנאך זאגט ער "אמר ר"א אמר ר' חנינא";

די הקדמה אין בבלי איז – אינגאנצן וועגן אן אנדער ענין: אין בבלי זאגט ער (פאר דעם ענין), אז "תלמידי חכמים אין להם מנוחה לא בעולם הזה ולא בעולם הבא, שנאמר ילכו מחיל אל חיל יראה אל אלקים בציון", און דערנאך זאגט ער א"א"ר אלעזר א"ר חנינא".

וואס דאס איז אינגאנצן אן אנדער תוכן מיט א גאנצער ענין, וכאמו – דאס איז אלץ שינויים אין דער זעלבער סוגיא און אין דעם סיום פון דער ???? לבער מסכתא.

**לה.** וואס יש להקדים בזה נאך א חילוק וואס איז דא אין די שיטות צווישן בבלי און ירושלמי, ווי דערציילט אמאל דער סיפור בזה פון דעם ראגאטשאווער: לקו"ש חט"ז ס"ע 473 ואילך,

וואס דער ענין פון מסכתא "ברכות" איז דאך וואס עס הויבט זיך אן גלייך מיט "מאימתי קורין את שמע", און דערנאך רעדט זיך וועגן תפילת וואס אין תפלת השחר איז דאך דא (אין דער משנה, און דערנאך בארוכה אין דער גמרא) אז "חסידים

הראשונים היו שוהין שעה אחת, כדי זיי זאלן קענען דאוונען דערנאך בכוונת הלב,

זאגט אויף דערויף די גמרא אז "חסידים הראשונים היו שוהין לפני התפלה שעה אחת", און תפלה "שעה אחת", און "לאחרי התפלה שעה אחת", במילא איז בא זיי אויסגעקומען אויף די דריי תפלות ביום איז אוועקגעגאנגען ט' שעות.

פרעגט מען (סיי אין בבלי און סיי אין ירושלמי): אויב אזוי איז וואס האט זיך געטאן מיט זייער מלאכה און מיט זייער תורה?! "מלאכתם מתי נעשית ותורתן מתי נעשית".

און אין דערויף איז דא אן ענטפער אין ירושלמי, און אן ענטפער אין בבלי, און מיט א שינוי: איןביידע ערשטער שטייט, וויבאלד אז "חסידים הם, איז "מלאתכן מתברכת"; בנוגע אז עס קומט צו תורה איז דא דער חילוק: אין ירושלמי זאגט ער "מתוך שחסידים הן" דערפאר איז "מלאכתן מתברכת ותורתן מתברכת"; אין ירושלמי; אין בבלי זאגט ער "מתוך שחסידים הן" איז "מלאכתן מתברכת ותורתן משתמרת".

האב איך אויף דערוף געהערט פון ראגאטשאווער: בשעת דער שווער איז געקומען ממדינה ההיא אין ריגא, האט מען געמאכט דארט אן אסיפה פון עסקני ציבור און גדולי ישראל, ווי אזוי מ'זאל קענען ממשיך זיין די פעולות וואס ער האט געטאן בהיותו שמה (זייענדיק אין יענער מדינה) אויף ווער ער געפינט זיך דא, בסיוע (אדער בהשתתפות) פון שאר גדולי ישראל,

האט מען איינגעלאדן אויף דער אסיפה אויך דעם ראגאטשאווער [ער איז געווען אין דווינסק, וואס דאס איז געווען בסמיכות צו ריגא"], איז ער אויך געקומען אויף דער אסיפה, און ער איז בכלל געווען ביחסים הכי ובים וקרובים מיט ליובאוויטש נאך מיטן רבי'ן נ"ע (מיטן שווער'ס פאטער), און דערנאך אויך בהמשך (לאח"ז) מיטן שווער,

און האט אויך באקומען, ווי ער האט זיך געברימטף ער האט באקומען א ברכה פון דעם קאפיסטער, פון דעם צ"צ'ס זון, און האט זיך מצטער געווען פארוואג ער האט עס

עס איז דא א גאנצער סיפור, וואס מ'האט גערעדן אן ענין אין נגלה דתורה במעמד ומצב פון דעם רבי'ן נ"ע אויך דעם שווער און דער ראגאטשאווער,

דערנאך האט דער רבי נ"ע געזאגט אויף דערויף ווי דער ענין איז אין נסתר דתורה, ע"פ תורת החסידות און תורת הקבלה, האט דער ראגטשאווער א קרעכטשע געטאן,

אע"פ וואס ער האט דאך אויך געלערנט נסתר דתורה, ווי ער ברענגט אויך אראפ אין חידושים אויפן רמב"ם אויך אן ענין גאר פון מס' א"ק פון משנת חסידים בנוגע צו ד' שערות, ברענגט ער אויף דערויף א מקור אז אזוי שטייט אין קבלה, און ווייזט אן דעם ארט (המדובר הוא אודות פיאות הראש, והובא בהקדמה למפענח צפונות וש"נ, וכמדומני שאינו ממ"ח כ"א מאיזה ספר אחר),

אבער אעפ"כ איז עיקר עסקו כידוע ומפורסם איז דאך געווען דוקא נגלה דתורה, כאטש אין חלק הדרוש שלו ובפירושיו על פסוקי התורה איז דא במה מקומות ענינים פארבונדן מיט קבלה און אויך מיט חסידות, אבער אעפ"כ ניט דאס איז געווען עיקר עסקו.

בשעת דער רבי נ"ע האט געזאגט דעם ביאור ע"פ תורת החסידות – האט ער קרעכשט געטאן און האט געזאגט אז וואס קען איך טאן אז מ'האט מיר געבענטשט מיט א ברכה בנוגע צו נגלה דתורה,

דאס הייסט, א דער קאפיסטער, דעם צ"צ'ס זון, וואס ער איז ביי אים געווען בעטן א ברכה אויף הצלחה אין תורה – האט ער אים געבענטשט בנוגע צו נגלה דתורה.

וואס דאס איז דער מאמר המוסגר.

בשעת ער איז געווען אויף דער אסיפה, און מ'האט דעמולט אויסגעקליבן די גדולי ישראל וואס וועלן צוזאמענשטעלן א ועד כדי לטכס עצה ווי אזוי ארויס־צו־העלפן אחינו המצויים במצור ושבי' מצד שני של המסך (בזמן ההוא) – האט ער געזאגט, אז ער האלט מיט דעם גאנצן ענין, מיטן גאנצן תוקף, מיט דער גאנצער שלימות; ער אליין – קען זיך אבער אין דערויף ניט משתתף זיין, ווארום דאס איז א חילוק שווישן בבלי און ירושלמי, און דער דין איז אין א מחלוקת צווישן בבלי און ירושלמי – איז הלכה כבבלי.

און האט געבראכט אט דעם ענין פון חסידים הראשונים, וואס "חסידים הראשונים" פסק'נט דער ירושלמי אז דאס העלפט ניט נאר אז "מלאכתן מתברכת" נאר אויך "תורתן מתברכת",

וויבאלד אז ער וועט טאן אן ענין אין מצוות, ובחסידות, "מילתא דחסידותא", ער וועט זיך משתתף זיין אין "ועד", בפרט נאך אז ס'איז נוגע צו כלל ישראל איז דאך דאס גאר א מצוה דרבים, א "מצוה רבה", איז לויט דעם ירושלמי וועט אים ניט פעלן אין תורה – ווארום "תורתן מתברכת";

אין בבלי אבער זאגט ער אז מערניט "תורתו משתמרת", וויבאלד אז "חסידים

הם" אין כח השכחה וועט אויף זיי ניט קענען שולט זיין, במילא וועט זיין "תורתן משתמרת", בונגע צו ענינים גשמיים "מלאכתן מתברכת", אבער אין תורה דארף מען האבן מ'זאל זיצן בפועל און לערנען, "יגעת", איז דעמולט איז "ומצאת".

אזוי ווי ער וויל האבן עס זאל זיין א ברכה והוספה בתורה שלו — קען ער ניט זיך אריינשטעלן אין דעם ענין פון חסידות, "חסידים הראשונים", וכו' — ווארום דעמולט וועט ער טאקע האבן "תורתן משתמרת" ער וועט אבער ניט האבן די "תורתם מתברכת".

וואס דאס איז גלאט, וויבאלד אז מ'דערמאנט אן ענין דערמאנען אים "בשם אומרו", וואס דאס האט געזאגט דער ראגאטשאווער דער חילוק צווישן שיטת הבבלי והירושלמי בזה.

וואס עפ"ז קומט אויס אז אין דערויף איז דא א פלוגתא צווישן דעם בבלי וירושלמי.

וואס עפ"ז בלייבט דאס א באזונדער ענין, און דער סיום פון מסכתא ברכות מיט אלע שינויים בלייבט ווייטער א באזונדער ענין, און מ'דארף זוכן אויף יעדערן פון זיי באזונדערע טעמים, פארוואס איז דער בבלי וירושלמי מחולק בזה.

איז דאך ידוע די שיטה אין אופן לימוד, אז אויב מ'קען געפינען א סברא משותפת, א נקודה משותפת, וואס לויט איין סברא וועט זיין פארשטאנדיק כמה הלכות, אדער כמה שינויים וכו' — איז דאס א געשמאקערער אופן אין לימוד התורה, און דאס איז מערער מאמת אז מסתמא איז די סברא א סברא ישרה ואמיתית — ווארום זי האלט אויס ניט נאר אין איין ענין אדער אין צווי ענינים — זי האלט אויס אין כמה ענינים.

**לו.** און דאס איז, אז אין דעם ענין פון "ת"ח מרבים שלום בעולם", איז דאך דא "תלמידי חכמים" לשון רבים, ניט נאר רבים בכמות, נאר אויך רבים באיכות, ס'איז דא כו"כ סוגים אין ת"ח, כו"כ סוגים אין ידיעה בתורה, וכו"כ סוגים אין אופן לימוד התורה,

ס'איז דאך דא די שיעורים בהלכות ת"ת לכאו"א, כפי המבואר בהלכות ת"ת, ביז וואנענט אפילו פרק אחד שחרית ופרק אחד ערבית, ולאידך גיסא איז דא וואס ער איז לומד בהתמדה ושקידה, ביז וואנענט ער איז לומד בהתמדה ושקידה כל היום כולו.

וואס דאס איז "תלמידי חכמים", לשון רבים, כאמור, ניט נאר בכמות, נאר

אויך, ועיקר — בענין האיכות.

וויבאלד אז ס׳איז דא א חילוק באיכות פון די תלמידי חכמים — דארף אויך זיין א חילוק אין די תוצאות וואס עס קומט ארויס פון זיי: ״גדול לימוד שמביא לידי מעשה״,

איז דאך פארשטאנדיק, אז ער האט מערער עמקות קען ער מערער פאנאנדערקלייבן אין פרטי ההלכות,

וואס דער וואס האט ניט אט די עמקות - קען ער זיך ניט אזוי פאנאנדערקלייבן, קען דערפון ארויס שינויים בנוגע לפרטי הלכות,

נוסף אויף די שינויים אין קיום מצות עשה, מה״ת, וואס דאס איז לימוד התורה, וואס דער לימוד דארף דאך זיין ביז וואנענט ער זאל ״אסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא״, וואס אין דערויף איז דאך דא כו״כ דרגות, בדוגמא ווי די גמרא זאגט אין סיום פון ב״ב אז ״הרוצה להחכים יעסוק בדיני ממונות״ און בא ״שמעון בן ננס״,

ועד״ז ״הלכתא כרב באיסורי וכשמואל בממונא״, ועד״ז ״הלכה כפלוני מחבירו״, זאגן דאך מפרשי הש״ס, און מפרשי כללי הש״ס, איינער פון די טעמים בזה: דערפאר וואס דער איז געווען עיקר עסקו אין די הלכות, ווי ער זאגט אין תשובות הראש בנוגע צו ״הלכתא כרב באיסורי וכשמואל בממונא״, ועד״ז בנוגע צו שאר הלכות כגון זה.

ביז וואנענט אז מ׳געפינט אפילו בנוגע צו ר״ע, וואס ס׳איז דאך ״כולהו אליבא דר״ע״, גאנץ תושבע״פ (סנהדרין פו, רע״א ובפרש״י?) - זאגט מען דאך אויך ״עקיבא מה לך אצל אגדות כלך לך אצל אהלות ונגעים״; עיקר עסקו איז געווען אין אהלו און נגעים, אע״פ וואס כל תושבע״פ איז איז אליבא דר״ע.

ביז וואנענט אז ס׳איז דא דער תכלית השלימות אין לימוד התורה - אז עס ווערט ״תורתו אומנתו״.

(בכל הבא להלן - ראה לקו״ש חי״ז ע׳ 753 ואילך. חי״ב ???)

וואס אין ״תורתו אומנתו״ איז דאך אויך דא כו״כ דרגות, ווי עס ווערט געבראכט אין שו״ע הלכות ת״ת ווי אזוי מ׳קען אויך בימינו אלה האבן דעם תואר ״תורתו אומנתו״,

ביז ווי די גמרא זאגט אז ס׳איז מערניט ווי רשב״י וחביריו, וואס דארט איז געווען ״תורתם אומנתם״ בתכלית השלימות,

ביז וואנענט אז עס קומט ארויס אויך א נפק״מ בין סוגים אלו בנוגע ווי דארף זיין זייער הנהגה בנוגע צו תפלה און צו ק״ש און צו ברכות וכו׳, (ראה לקו״ש חל״ז

שם הע' 23) כמבואר בפוסקים דער חילוק צי "תורתו אומנתו", צי "מבטל בלאה"כ", בלשון ווי דער אלטער רבי זאגט אין תניא, וואס דערפאר איז ער מבטל אויך לשאר מצוות,

און ווי אויך מובא בארוכה אין ירושלמי ברכות בתחלתו, בנוגע צו רשב"י, וואס אע"פ אז "תורתו אומנתו", איז ווי קען מען גאר זאגן א קס"ד אז ס'איז געקומען צו "עושה סוכה" אדער "נוטל לולב" איז א זיכערע זאך אז דאס האט געטאן רשב"י אליין, א "ומכלל הן אתה יודע לאו" - משא"כ בשאר מצוות.

וואס דא איז דאך אויך כמדובר כמ"פ, איז דא איז דער דיוק "עושה סוכה", ניט נאר "יושב בסוכה" און ער לאזט איבער די עשיית הסוכה לשלוחו וכיו"ב, נאר ער אליין האט זיך עוסק געווען מיט "חג הסוכות תעשה לך", אין עשיית הסוכה עצמה,

און ווי די גמרא זאגט "גדולים מעשי חייא", אז ניט נאר ער האט געלערנט תושב"כ מיט די ינוקי, און געלערנט תושבע"פ מיט די אנדערע זעקס ינוקי'ס נאר ער האט אליין געטאן דעם גאנצן "הכשר מצוה: געלאפן און געכאפט הירשן און געמאכט קלף און אנגעשריבן די חמשה חומשי תורה, און אויך דערנאך געלערנט מיט זיי די ששה סדרי משנה, און דערנאך געזאגט די תינוקות אז דערנאך זאלן זיי לערנען איינען מיט צווייטן,

וכדיוק הלשון "גדולים מעשי חייא".

**לז.** ווי ס'איז דא בכמה מקומות, ווי מ'זעט דאס, אז דוקא מצד דערויף וואס בבלי איז געווען לאחרי ירושלמי, איז דא כמה ענינים וואס אין תלמוד ירושלמי שטייען זיי בכללות, און במשך פון די הונדערט יאר שלאח"ז, און די ישיבה שלאח"ז - זיינען זיי ארויסגעקומען מער בפרטיות,

וואס דערפאר איז דא מערער פרטים, בכללות, אין בבלי לגבי תלמוד ירושלמי.

דער צד השוה שבכל לומדי תורה, כל תלמידי חכמים וואס "מרבים שלום בעולם", איז, ניט דער צד השוה "תורתו אומנתו", נאר אט דאס וואס יעדערער פון זיי איז מקיים די מצוה פון מצות לימוד התורה, וואס זי איז איינע פון רמ"ח מ"ע.

וואס ע"פ כל האמור קען מען מבאר זיין די אלע חילוקים ושינויים:

אז דער ירושלמי רעדט אין תלמידי חכמים באופן כללי, ד.ה. דער צד השוה שבכל תלמידי חכמים; דער בבלי וואס קומט לאח"ז, און וואס מ'ווייס שוין וואס עס שטייט אין ירושלמי - איז ער מוסיף בזה א פרט אין תלמידי חכמים עצמם, ווי ס'איז דא דער סוג מיוחד וואס "תורתם אומנתם".

וואס איז דער חילוק בפשטות צי מ'זאגט "תורתו אומנתו" צי ער איז א לומד תורה - איז בשעת מ'זאגט "תורתו אומנתו" - [איז] דאס איז זיין אומנות, במילא איז ווי אזוי ווערט ער אנגערופן - ווערט ער אנגערופן ע"ש התורה, ווארום אט דאס איז זיין אומנות;

פארנעמט ער זיך מיט רפואות הגוף ווערט ער אנגערופן "רופא", פארנעמט ער זיך מיט עובדין טבין ווערט ער אנגערופן "מארי עובדין טבין", פארנעמט ער זיך מיט תורה, איז אע"פ וואס בכלל איז אפילו אז ער לערנט תורה איז "וכל בניך לימודי ה'", וואס "לימודי ה'" איז שוין כולל אין שייך לימוד התורה, בשעת אבער דאס ווערט זיין אומנות - ווערט ער אנגערופן עש"ז.

וואס איז דער חילוק אין נאמען צווישן א תלמיד חכם וואס ער איז "כל בניך לימודי ה'", אדער א ת"ח בתכלית השלימות - איז אלע תלמידי חכמים ווערן אנגערופן "בונים", ווי די גמרא זאגט אין מסכתא שבת אז "מרדעת של חמורים מרדעת של עמי הארץ", "בגד של עמי הארץ" אז ס'איז געווען א "רבב" איז דאס אן ענין וואס מ'איז ניט משים לב לזה; בשעת ס'איז אבער דא אויף א בגד של "בונים", איז דעמולט ווערט היפך פון חיים,

זאגט די גמרא ווער איז דאס "בונים" - דאס איז א תלמיד חכם.

איז יעדער ת"ח ווערט אנגערופן בשם "בוניך". אבער ער ווערט אזוי ניט אנגערופן אין וועלט, ער ווערט אזוי אנגערופן מצד לימוד התורה;

בשעת אין ירושלמי רעדט ער וועגן כללות הענין פון תלמידי חכמים, זאגט ער אז "ת"ח מרבים שלום בעולם שנאמר וכל בניך לימודי הוי' ורב שלום בניך", וויבאלד אז עס שטייט א צווייטן מאל "בניך" מוז דאס עפעס מוסיף זיין - איז דאס מוסיף "ת"ח",

ווי אזוי ווערן די ת"ח אנגערופן אין דעם פסוק - ניט "בוניך" נאר "בניך". דערפאר וואס ס'איז ניט "תורתם אומנתם";

אין תלמוד בבלי, וואס ער איז מוסיף אין תלמידי חכמים, נוסף אויף די תלמיד חכמים וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין ירושלמי - האט ר"א בן חנינא געזאגט נאך א צוויטן מאל.

וואס דערפאר דארף מען ניט מאכן קיין מחלוקת ביניהם, כידוע דער כלל אין ש"ס (נסמן בלקו"ש חי"ז שם ע' 757 הע' 02) שלא לאפושי מחלוקת צווישן בבלי און ירושלמי, איז דער גלאטסטער אופן איז, אז ר"א בן חנינא האט געזאגט צוויי מאל דעם מאמר:

איין מאל האט ער אים געזאגט ווי ער שטייט אין ירושלמי, און האט געמיינט תלמידי חכמים בכלל, ווי אזוי ווערן זיי אנגערופן - וויבאלד אז דאס איז ניט זייער אומנות - רופט מען אים "רופא" רופט מען אים "מארי עובדין טבין" רופט מען אים "סופר", אלע־ערליי נעמען - ווארום "אומנתו" איז ניט "תורתו",

בשעת עס קומט צו דעם סוג פון ת"ח וואס "תורתם אומנתם"; ווי אזוי ווערט ער אנגערופן - ווערט ער אנגערופן "א"ת בניך אלא בוניך", ער ווערט אנגערופן, "תקרי", בשם "בוניך".

וואס דערפאר איז דוקא ווען עס רעדט זיך וועגן "תורתו אומנתו", קומט צו אט די הוספה פון "אל תקרי".

כמדובר ומובן ופשוט איז דאך פארשטאנדיק, אז אע"פ וואס בכללות זיינען זיי אלע מרבה שלום, ווארום אזוי שטייט בפירוש אין פסוק צוויי מאל בניך, איז דערפון גופא א הוכחה, אז דער וואס ווערט אנגערופן בשם "בניך" איז ער אויך "ורב שלום", כאטש ער ווערט אנגערופן "בניך",

קומט אבער דערנאך צוגיין א לימוד מיוחד, און זאגט אז אין דעם פסוק איז דא ווי ער ווערט אנגערופן "בניך", דערנאך איז דא ווי ער ווערט אנגערופן "בוניך",

**לח.** דערפון איז אבער פארשטאנדיק, וויבאלד אז דער ריבוי בשלום איז פארבונדן דערמיט וואס ער איז "לימודי הוי'", וואס ער לערנט תורה, און ער לערנט תורה ניט נאר מערער בכמות, נאר מערער באיכות, אז תורה ווערט גאר זיין אומנות - איז דערפון גופא פארשטאנדיק, אז דעם שלום וואס ער טוט אויף בעולם - איז דאס אין אן אופן וואס באיכות איז דאס אנדערש.

וואס דערפאר קומט דערנאך, נאך דערויף, דער ריבוי הפסוקים בנוגע צו ריבוי השלום והשלוה וואס ווערט אויפגעטאן דורך די תלמידי חכמים, דורך דעם סוג וואס "א"ת בניך אלא בוניך", וואס וועגן אים רעדט זיך אין בבלי.

**לט.** און ווי דער צ"צ ברענגט פון ש"ך עה"ת, אז דאס וואס עס ווערט די אלע ריבוי פסוקים, איז דערפאר וואס אין די פסוקים ווערט געבראכט שמונה פעמים דער ענין פון "שלום", בצירוף פון דעם לשון "שלוה" [און ווייזט אויס אז מ'רעכנט אויך צו דעם "רב שלום" איז דאס מערער ווי איין מאל "שלום", ס'איז צוויי מאל "שלום"], עפ"ז קומט אויס אז עס שטייט אין די פסוקים (ווי זיי ווערן געבראכט אין [בבלי]) אכט מאל דער ענין פון "שלום" ו"שלוה",

איז מפרש דער ש"ך עה"ת און פארבינדט דאס דערמיט וואס ער זאגט אין מסכתא ברכות בתחלתו אז "מיכאל באחת", אז בשעת מיכאל דארף ברענגען זיינען אן ענין – טוט ער דאס מיט איין פלי,

און "גבריאל בשתים", דערפאר וואס דאס איז א דרגא נמוכה מזה, גבורה וצמצום, איז אט דעמולט דארף ער האבן מערער ווי מיכאל – דארף ער צווי מאל פליען, אדער ווי רש"י טייטשט דאס אפ אז וויבאלד אז ענינו איז דער ענין פון דין איז דערפאר היילט ער זיך ניט "בטיסה אחת" נאר ער נאכט דאס "בשתי טיסות" אפשר בינתיים וועט מען טאן תשובה,

דערנאך זאגט די גמרא "אליהו בארבעה", זיינען מפרשים מפרש, וויבאלד אז ער איז געווען א בו"ד, און אויך גופו עלה השמימה, איז ער דאך געווען פון ד' יסודות (ווי דער רמב"ם איז מבאר בארוכה אין סיום הלכות יסוה"ת, מיוסד אויפן זהר, וואס אין זהר איז ער מדגיש דעם ענין פון ד' יסודות וכו', שלא כדעת הטועים אז דאס איז אן ענין וואס אינו במציאות וכו', כמבואר במ"א בארוכה אז די גאנצע קשיא האט קיין ארט ניט),

וויבאלד אז אליהו איז א נשמה בגוף אויך איצטער, עלה בגופו השמימה – איז דערפאר דארף ער האבן א טיסה מתאים לכל יסוד בפני עצמה – איז דאס בארבעה.

דערנאך איז די גמרא מסיים "מלאך המות בשמונה". און מ'זאגט אז וויבאלד אז דאס איז אן ענין של עונש, גיט מען א ריבוי זמן און א ריבוי טיסות, אפשר בינתיים וועט מען טאן תשובה.

און ענינו איז דאך דער היפך החיים פון דעם גוף, און עס רירט אויך אן דעם חיים של הנשמה

[וואס פונקט אזוי ווי דער גוף איז צוזאמענגעשטעלט פון ד' יסודות גשמיים, אט אזוי איז די נשמה המלובשת בגוף (ביז וואנענט אז דאס ווערט איין מציאות) – איז זי צוזאמענגעשטעלט פון די ד' יסודות רוחניים, כמובן אין זהר, און אזוי אויך פארשטאנדיק פון תניא פרק ראשון, ווי ער איז דארטן מחלק טבעי האדם אין די מדות הנפש אויך אויף די ד' יסודות],

און דערפאר איז דא דער ענין פון "במשונה", דערפאר וואס ער דארף מהפך זיין דעם קיום פון שמונה ענינים, וואס דערפאר איז "בשמונה".

בשעת מ'דארף מבטל זיין דעם ענין פון "מלאך המות בשמונה" – מיט וואס איז מען מבטל – "בראתי לו תורה תבלין", דארף מען האבן שמונה פעמים אין תורה, אין דע זעלבער "טיסה", אין דעם זעלבן פליען, וואס מ'זאל זיין זאגן ביחד,

וואס דאס איז די אכט מאל ווי ער זאגט אין ש"ס, אן די אריכות הביאור, מערניט ווי כללות הדבר.

מ. ויש להוסיף בזה ביאור ע"פ האמור: וויבאלד אז עס ווערט "תורתו אומנתו", דאס איז זיין "אומנות" - ווערט ער בעה"ב, ווי ער זאגט אין ירושלמי [עה"פ] "לא־ל גומר עלי", ע"י התורה אויף דער מציאות פון וועלט,

עד כדי כך אז ער קען מבטל זיין ע"י שמונה ווי זיי שטייען אין תורה בלשון שלום ושלוה - איז ער מבטל דעם "בשמונה" פון דעם מלאך המות, היפך הטבע.

מיט וואס איז דאס אבער פארבונדן - מיט דעם ענין ניט וי תורה איז איינע פון רמ"ח מ"ע, נאר ווי תורה ווערט ביי אים "אומנתו", וואס דאס איז דוחה כל המצוות כולן, "כל חפציך לא ישוו בה, אפילו חפצי שמים".

וואס דערפאר איז ניט נאר "גדול לימוד שמביא לידי מעשה" דאס איז אבער בערך, איינע פון רמ"ח מ"ע, נאר דאס איז "גדול" - נאר דאס איז אן ענין בפ"ע,

וואס דאס ווערט אנגערופן "חפצי שמים" - דאס איז "חמדה גנוזה יש לך", פון "נעלמה מעיני כל חי", "שעשועים", די אלע מעלות וואס שטייט אין תורה, און שטעלט אוועק תורה פון כל עניני המצוות, אפילו ווי תורה איז איינע פון די רמ"ח אברי הגוף העליון, איינע פון די רמ"ח.

וואס דערפאר שטייט דאך אויס בכמה ספרים די דוגמא, אז ס'איז דא ווי תורה איזג איינע פון רמ"ח אברי האדם, איינע פון רמ"ח מ"ע וואס זיי זיינען כנגד רמ"ח אברים, דערנאך איז דא ווי תורה איז דער דם שבאדם, וואס זי איז מחי' און זי גיט חיות אין אלע רמ"ח אברים (לקו"ת במדבר), אויך אין דעם אבר וואס ער איז כנגד התורה, ווי תורה איז א מצוה בפ"ע, אבער דעמולט איז תורה אן ענין פון דם וואס ער איז שוה בכל האברים, און אינגאנצן אן אנדער גדר, וואס דערפאר איז דם שבאדם האט ניט די דינים פון אברים שבאדם.

וואס דאס איז דער ענין, כאמור, פון "תורתו אומנתו".

מא. וויבאלד אז מ'זאגט אז תורה איז אינגאנצן ארויסגענומען פון כללות ענין המצוות, איז דערפון איז פארשטאנדיק, אז דאס וואס ער טוט אין מצוות קען דאס העלפן צו תורה ווי תורה איז איינע פון די מצוות;

במילא אז ער איז זיך מתנהג אין מצוות אין אן אופן פון "מילתא דחסידותא", "חסידים הראשונים", העלפט דאס אים אין עניינם, "אם בחוקותי תלכו ונתתי גשמיכם

בעתם", ניט נאר "מלאכתן משתמרת" נאר אויך "מתברכת", כפירוש הכתוב, עס העלפט אבער אויך ווי תורה איז איינע פון רמ"ח מצוות שלו, העלפט דאס אויך אז אין דער תורה איז אויך חל די ברכה וואס קומט ע"י "בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמרו".

בשעת אבער מ'דארף אויפטאן אין "תורתו אומנתו", וואס דאס איז לגמרי העכער פון גדר המצוות - אט דארטן דארף מען האבן "יגעת", ווארום ער דארף אים ארויסנעמען פון הנהגות הטבע אויך אין לימוד התורה, דארף ער האבן אויף דערויף יגיעה,

און אט דעמולט ערשט טוט זיך אויף "תורתן מתברכת", משא"כ אבער בנוגע צו "משתמרת", דא איז ניט אן ענין וואס ער דארף אויפטאן אין תורה, דאס איז אן ענין וואס ער דארף אויפטאן אין דעם "גברא" הלומד תורה, אז זיי כח השכחה זאל ניט האבן קיין שליטה אויף זיין תורה, טוט דאס אויף אויפן "גברא";

אויף "תורתו אומנתו" אבער - איז אט דעמולט איז מערניט ווי "תורתן משתמרת".

**מב.** עפ"ז איז אויך מובן: וויבאלד אז אין תלמוד ירושלמי רעדט ער וועגן "ת"ח מרבים שלום בעולם", ווי תורה ווערט געלערנט ווי איינע פון רמ"ח מ"ע, במילא וואס איז דערצו די הקדמה - דער ענין המצוות -

דערפאר איז ער מקדים לזה אז ר"מ זאגט דעם גודל ההפלאה וואס איז דא אין ענין המצוות, אז "אין לך אדם בישראל" וואס ער איז [ניט] עושה מאה מצוות, כולל אויך ברכת התורה, ווי אראפגעבראכט אין שו"ע, דערנאך איז דא דער "תפילין בזרועו ותפילין בראשו", וואס דאס איז דאך אויך "הוקשה כל התורה כולה לתפילין", - אלץ ענינים פון מצוות, ווארום דערנאך אז ער גייט אריבער צו רעדן "אמר ר"א אמר ר"ח" - רעדט ער וועגן תלמידי חכמים וואס זיי זיינען ת"ח אלס מקיים זיין א מצוה;

אין בבלי קען ער ניט מאכן אט די הדמה - ס'איז ניט די תלמידי חכמים - זיי לערנען תורה ניט נאר ווי אן ענין מקיים זיין א מ"ע - זיי לערנען תורה דערפאר וואס דאס איז "תורתם אומנתם" -

דארף ער ברענגען א הקדמה וואס זי איז העכער פון טבע, העכער פון טבע המצוות, (ווארום?) וואס בטבע איז א איד איז א לומד תורה ומקיים מצוות, א טבע האדם "אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני" - איז ארייגעלייגט געווארן אין בריאת האדם אז "נבראתי לשמש את קוני" - אט דאס איז זיין טבע,

וואס דערפאר איז ווי ער זאגט אין סוף פון מסכתא קידושין, אז בעלי חיים שלא שינו את תפקידם, האבן זיי זייער פרנסה, "אני שהרעותי את מעשי" (אמר "קפחתי") במילא איז אויך את דעמולט האט דאס אנגערירט זיין פרנסה בדרך הטבע, ווארום ער האט משנה געווען זיין טבע.

איז וואס איז זיין טבע - ער האט רמ"ח אברים - דארף ער האבן רמ"ח מ"ע, דארף ער האבן לימוד התורה אלס איינע פון די מצוות.

בשעת עס זאל זיין "אין להם מנוחה", וואס דאס איז היפך פון טבע האדם: א איד, כולל אויך תלמידי חכמים, דארף זיך יאגן נאך מנוחה.

ווי די גמרא זאגט אין בכורות אז מ'האט געזאגט צו ריב"ח בנוגע צו "סבי דאתונא" אן ענין מברר זיין א דבר קשה - האט ער געזאגט אז מ'געפינט זיך אין גלות "אין מנוחה בגוים" (כמדומני שזה בבכורות ה, ב. אבל ראה בד"ה אך בגורל הידוע בהערה). געווען א דחי' טאקע ב"קש", ס'איז דאך אבער א דחי' בקש וואס שטייט אין תורה.

כדי צו ארפטאן אין תורה "תורתו אומנתו" - דארף מען האבן א העכערען סוג ואיכות אין תלמידי חכמים, וואס דאס איז "תורתם אומנתם", וואס דערפאר איז בא זיי איז שטייען זיי ניט אין מעמד ומצבם אין "תורתן משתמרת", נאר "ילכו מחיל אל חיל", זיי דארפן האבן "תורתן מתברכת".

וואס דאס איז די הליכה ביי א ת"ח: בשעת ער וועט גיין אין אנדערע ענינים איז דאס פאר אים קיין הליכה ניט.

וואס דאס איז דער צוויטער מאמר חז"ל: ס'איז דא א צווייטער מאמר חז"ל, א צוויטע גירסא, "צדיקים אין להם מנוחה לא בעוה"ז ולא בעוה"ב"; א "צדיק" ווערט א איד אנגערופן מצד "צדקות אהב", מצד קיום המצוות, איז בא זיי אויך דא דער ענין פון הליכה - דארט איז אבער הליכה "אין מלאכתן מתברכת", וואס א מלאכה, אמת'ע "מלאכה" פון א אידן - איז "לעשות לו ית' דירה בתחתונים", ס'איז אבער דא די הליכה ווי זי אין אין תורה - אז עס זאל זיין "מלאכתן מתברכת", וואס אויף דערויף דארף מען האבן דוקא דעם ענין פון לימוד התורה תמיד בכל יום ובכל עת ובכל רגע,

ווי דער רמב"ם איז דערמיט מסיים הלכות תשובה, א דבר פלא: ניט אין הלכות ת"ת, גאר אין הלכות תשובה, אז הלומד תורה זאל ער ניט לערנען תורה כדי לקבל שכר וכו' - נאר וואס דען "באהבתו ישגה תמיד", וואס דאס איז דער ענין פון "תורתו אומנתו", כדי לדעת את בוראו".

וואס דערפאר איז אויך, כאמור, די הקדמה ווי זי איז אין ברכות אין בבלי, וואס דארטן רעדן זיך וועגן ת"ח תורתם אומנתם, איז ניט אין אן ענין פון מצוות ־ נאר דוקא אין אן ענין פון תורה ־ ת"ח ילכו מחיל אל חיל, מבית הכנסת לבית המדרש,

וואס בית הכנסת איז דאך דא די הכנה "ברכו בתורה תחלה", וואס דעמולט ווערט דערנאך דער גיין בבית המדרש אין אן אופן לימוד התורה כדרוש.

כדי עס זאל זיין "תורתו אומנתו" ־ דארף מען פריער האבן דעם "בית הכנסת", ובלשון הגמרא (אין נדרים און ב"מ) "ברכו בתורה תחלה", וואס בכללות איז דאס דער ענין התפלה, וואס דעמולט ווערט "תורתו אומנתו",

און ווי תוס' ברענגט אראפ און אויך בנוגע אפילו אין בבלי, אז אפילו רשב"י האט ער אויך געדארפט דאווענען מזמן לזמן (ראה לקו"ש חי"ז שם ע' 753 ובהע' 71 ובשוה"ג שם); דער דאווענען [זיינער] איז אבער געווען "בחד קטירא בי' אתלהטנא בי אתקטרנא". אז דאס האט דערנאך אנגעהאלטן אויף א משך זמן ארוך,

ער האט ניט געדארפט האבן די מ"ע מה"ת אז מי שיש לו צרכיו איז אט דעמולט איז א מ"ע להתפלל בכל יום ־ איז דאס א מצוה וואס תורתו אומנתו, רשב"י, האט דאס ניט מקיים געווען בכל עת, דערפאר וואס צו אים האט דאס קיין שייכות ניט.

וואס עפ"ז איז מובן די אלע שינויים און דער ענין לשיטתי',

מג. און דאס האט אויך א שייכות צו כללות החילוק פון ירושלמי און בבלי, ווי מ'געפינט דער חילוק אין ירושלמי און בבלי, אז אין ירושלמי איז די יגיעה בלימוד התורה ווייניקער ווי אין תלמוד בבלי, וואס דערפאר זאגט דאך די גמרא אויף תלמוד בבלי "במחשכים הושיבני", ווארום ביז מען דערגרייכט לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא", איז דא אן ענין פון קשיא ורמינהו און א רמינהו און א [תיובתא] וכו', וואס אין שכל איז דאס ענין פון "במחשכים",

און דערפון ווערט ערשט דער בירור ההלכה כדרוש, ביז וואנענט אז הלכה כבבלי לגבי ירושלמי.

וואס דערפאר איז אויך בפשטות, דער לימוד התור אין ארץ ישראל איז טאקע "אין תורה כתורת א"י", וואס איינער פון די טעמים, אז ווי ס'איז געווען דער קושי הגלות אין א"י ־ קומט דאס ניט צו דעם קושי הגלות ווי ס'איז געווען בבל, און דערנאך אין די גליות שלאח"ז, וואס קומען לאחרי גלות בבל, אין חו"ל,

וואס דערפאר איז דוקא דארטן איז געווארן דער ענין פון ריבוי התורה, ביז

לאסוקי *שמעתתא אליבא דהלכתא*, אז הלכה כבבלי לגבי ירושלמי.

און ווי מ'געפינט דאס בא רשב"י: ווי אזוי איז געווארן בא רשב"י "לאסוקי שמעתתא אליבא דהילכתא" אין תכלית השלימות - איז דאס געווען לאחרי הגלות בתוך גלות - ווען ער איז געווען בגלות במערה,

און ווי די גמרא זאגט אין שבת (לא, ב או לג, ב) אז ער האט געזאגט צו רפב"י "אשרי שראיתני בכך", ווארום ביז דעמולט איז געווען זיין מעמד ומצב אין לימוד התורה אז ער האט געפרעגט די קשיא און רפב"י האט געענטפערט, לאח"ז איז ער צוגעקומען אז מ'האט אים געפרעגט פעמים ככה קשיות, און ער האט זיי אלע פארענטפערט, ווארום ס'איז געווארן "תורתו אומנתו" בתכלית השלימות,

כאטש אפילו זייענדיק אין מערה - איז דארט איז בדרך ממילא געווען "תורתו אומנתו", ווארום דארט איז ניט געווען שייך דער ענין פון קיום המצוות, ווי דער אלטער רבי איז מאריך ברוחניות הדברים אין לקו"ת, אין שמיני,

אבער ווען איז געווארן "תורתו אומנתו" בבחירתו - לאחרי היציאה פון דעם גלות, נוסף פון דעם "במחשכים הושיבני", אט דעמולט איז געווארן דער בירור התורה, ביז "תורתו אומנתו". ווי ס'איז געווען בא רשב"י בפשטות.

**מד.** אעפ"כ זעט מען , און ס'איז דא דער מוסר השכל בהמשך להאמור לעיל, אז די ערשטע זאך וואס די גמרא דערציילט וואס רשב"י האט געטאן ארויסגייענדיק פון די מערה (בפעם השני', וואס דעמולט איז געווען דער תכלית הגאולה), איז ניט געווען וואס ער האט זיך געזעצט לערנען תורה מיט אידן -

ער האט געוואלט וויסן וואו געפינט זיך אן ארט וואו אידן האבן א שוועריקייט בגשמיות, אז כהנים דארפן גיין ארום און ארום, תקנת הרבים, אפילו דער רבים איז מערניט ווי כהנים אליין-

אין לכל לראש, האט ער דאס ניט געשיקט א שליח, ניט געשיקט א תלמיד, אפילו ניט בנו יחידו - נאר ער [איז] געגאנגען דוקא אליין, ביז וואנענט ער האט מטהר געווען את המקום, כדי אידן, כהנים, זאלן קענען עוסק זיין בעניניהם אן טירחא יתירה.

וואס מזה זעט מען דער ענין פון אהבת ישראל, און אויך די הקדמה פון בית הכנסת און בית המדרש, וואס בית הכנסת איז דאך דער ענין התפלה, וואס תפלות במקום קרבנות תקנום, וואס דאס איז דער ענין הכהנים,

און דערנאך קומט מען פון "ממלכת כוהנים" אין "גוי קדוש", ע"י "קדושים

- פרושים - תהיו", ועשיית המצוות בהקדמה פון ממלכת כהנים.

מ"ה. און ויה"ר אז פון דעם רעדן וועגן "מרבים שלום בעולם" - זאל זיין בפשטות ובפועל דער "מרבים שלום בעולם",

וואס דאס איז דאך א הכרח גמור, ומיום ליום ווערט שטארקער דער הכרח אויף מוסיף זיין אין דער השתדלות אין שלום בפשטות הענינים,

וואס לכל לראש קען יעדער איד טאן אין דעם, און מוז טאן אין דעם, דורך דערויף וואס ער איז מוסיף אין לימוד התורה קומט ער נאך צו א העכערע דרגא פון "וכל בניך לימודי הוי'", נוסף ווי ער איז געוועזן א תלמידחכם לפני זה - ווערט ער נאך א גרעסערער ת"ח, איז ער נאך מער מוסיף שלום בעולם.

און עס ווערט דער "הוי' עוז לעמו יתן הוי' יברך את עמו בשלום", אין דעם שלום האמיתי,

בשעת עס וועט זיין "שלימות הארץ", ארץ ישראל לגבולותי',

צוזאמען מיט "שלימות התורה", ביז ווי עס וועט זיין לע"ל, ווי דער רמב"ם פסק'נט אפ אין סוף ספרו, אז לע"ל וועלן זיך אידן פארנעמען מערניט ווי מיט איין זאך, מיט לימוד התורה, "לדעת דעת בוראם", פנימיות התורה, "דע את אלוקי אביך",

צוזאמען מיט "שלימות העם", בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו", אז עס וועט זיין "וכל בניך לימודי הוי'",

כולל אויך די "נשים במאי זכיין באקרויי ובאתנוייהו ונטרין לבעלייהו", נוסף אויפן פס"ד אז א פרוי דארף בענטשן ברכת התורה, ווי עס ווערט אפגע'פסק'נט אין שו"ע, ווארום זי האט אויף זיך אויך די מצוה פון לימוד התורה, נוסף אויף קיום המצוות אין וועלכע זי איז מחוייב בהן, כמבואר אין שו"ע או"ח ס"נ און דער אלטער רבי איז מבאר בזה אין הל' ת"ת שלו ספ"א וכו',

און עס זאל זיין, כאמור, האנשים והנשים והטף, "שלימות העם", וועט שטיין אין א מעמד פון "הקהל את העם", "קהל גדול ישובו הנה",

במהרה בימינו ממש, ע"י משיח צדקנו, בגאולה האמיתית והשלימה.

## שיחה ז.

מו. מ'וועט מסתמא ניט פארגעסן אויפן עיקר - אויף חלוקת הש"ס,

מסתמא וועט מען פאנאדערטיילן די צעטלען, די קארטלעך, און יעדערער וועט זיך משתתף זיין אין לימוד הש"ס בכללות, על מנת לסיימו ביז י"ט כסלו הבא

עלינו ועל כל ישראל לטובה,

און דער וואס ביי אים וועט בלייבן, ער וועט מסיים זיין פריער - קען ער לכתחילה נעמען מער ווי איין מסכתא, כדי ער אל האבן וואס צו לערנען אויך מערער און מערער,

און עס זאל זיין, כאמור, ביז אין אן אופן פון "תורתו אומנתו".

## שיחה ח.

מז. בהמשך וואס מ'האט גערעדט פריער, און מ'שטייט דאך געציילטע טעג פאר חנוכה, עס האט זיך פריער גערעדט וועגן "צבאות השם" פאר אידישע קינדער, סיי אינגעלעך און סיי מיידעלעך פאר בר־מצוה און בת־מצוה, אז מזמן לזמן זאל מען זיי צוזאמענקלייבן, און מעורר זיין בכל עניינם יהדות,

אנהויבנדיק פון לימוד התורה וקיום מצוותי' בפועל, כולל אויך (אנהוי?) ואהבת לרעך כמוך, אז זיי זאלן איינווירקן אויף זייערע חברים, און די מיידעלעך אויף זייערע חבר'טעס, אויף אויך זיי אריינציען אין "צבאות השם" -

איז דאך איצטער דער זמן מיוחד ביותר, ווי מ'זעט דאך אין מנהג ישראל בקשר מיט חנוכה, אז דעמולט מאכט מען ענינים מיוחדים, און ענינים של יהדות און ענינים של שמחה, פארבונדן מיט קליינע קינדער,

און מ'פלעגט מאכן א מסיבה, כידוע (און שוין אויך אפגעדרוקט אין די שיחות) בא רבותינו נשיאינו פאר זייערע קינדער, באחד פון לילות החנוכה,

ובכללות אויך - דער ענין פון חנוכה־געלט, און דער ענין פון "דריידל", און דער ענין פון "הצגות", וואס מ'פארשטעלט זיך און מ'שטעלט פאר די חשמונאים וכו', מיט אלע פרטי מנהגי ישראל בכל מקום ומקום לפי ענינו,

אבער דער צד השוה און די נקודה הפנימית - אויף פארשטארקן און ארויסברענגען נאכמען בגלוי דעם קשר בא יעדער קינד און ביי אלע קינדער צוזאמען מיט אידישקייט,

וואס דאס איז זיי מקשר נאכמערער מיט זייערע עלטערן און מורים ומורות,

וואס דאס איז דאך איינער פון די וועגן אויף ממעט זיין אין דעם העדר השלום בין דור לדור, אז עס זאל זיין פונקט דער היפך - דער "והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם",

מ"ח. וואס בפרטיות ובאופן מסויים - אז מ'זאל אין די טעג הסמוכים

לחנוכה און דארט וואו מ'קען דאס אויספירן - מה טוב ומה נעים בחנוכה עצמו], צוזאמענקלייבן די קינדער און דערציילן זיי פרשת ימי חנוכה, און ווי אזוי "מסרת גבורים ביד חלשים", ווארום ס'איז געווען "ביד עוסקי תורתך",

און זאגן אז זיי געהערן צו "ממלכת כהנים וגוי קדוש", ווי ס'איז געווען "מתתיהו" "כהן גדול", און יוחנן ובניו, מיט די אלע סיפורים הקשורים בזה, געבראכט אין מדרשי חז"ל - בכל מקום ומקום לפי ענינו.

וכל המרבה הרי זה משובח,

עכ"פ איין מאל, ומה טוב מער ווי איין מאל

וברוב עם,

און אויך מדגיש זיין, אז יעדערער פון די קינדער זאל אויך משפיע זיין אויף די חברים אדער חבר'טעס וואס זיינען נאך ניט אריין אין "צבאות השם", בכלל, אדער האבן נאך ניט אן אות אין דער ספר תורה פון "צבאות השם" - אז זיי זאלן אויך אריינגיין,

ובשמחה ובטוב לבב,

און דורך דערויף פארשטארקן דעם ענין פון "צבאות השם" פון קינדער, בתוככי פון "צבאות השם" פון אידן בכלל.

**מט.** וואס דאס איז דער כאן המקום והזמן אויף מעורר זיין נאכאמאל, ביתר שאת וביתר עוז, אויף אלע מבצעים,

אנהויבנדיק פון אהבת ישראל, און חינוך הכשר (און חינוך על טהרת הקודש), די ענינים כלליים, און זיי קומען דערנאך אראפ מער בפרטיות (וואס דאס איז אויך בכללות) - דער ענין פון תורה און תפילין און מזוזה און צדקה און בית מלא ספרים - יבנה וחכמי',

און נרות שבת קודש ויו"ט, און כשרות האכו"ש, און טהרת המשפחה.

וואס די אלע האבן דאך א שייכות מיוחדת צו ימי חנוכה, וואס ענינם איז דאך להדליק ב"נר מצוה ותורה אור",

און זיך ניט באנוגענען מיט דער התחלה, וואס מ'הויבט אן, טאקע התחלה איז דאס אן "אל"ף", אבער דארף דאס אראפקומען און הולך ומוסיף ואור מיום ליום, ביז וואנענט אז עס גייט דורך א גאנצע וואך רצופה, שבעת ימים רצופים, וואס יעדער טאג איז ער הולך ומוסיף ומעלה בקודש.

וואס דער "מעלין בקודש" הויבט זיך אן פון יום שני, און האלט אן זיבן טעג נאכאנאנד, ביז יום שמיני,

וואס אין יעדערן פון זיי איז ניכר דער "מהדרין מן המהדרין", כמדובר בארוכה כמ"פ.

וואס דערפאר זאל מען אויך זיך צוגרייטן אין אן אופן מסודר באופן כך, אז בימי החנוכה הבאים זאל אין יעדר אידישער שטוב, און בא יעדער אידן, אנגעצונדן ווערן דער נר חנוכה, ווי דער רמ"א פסק'נט אפ אז איצטער איז דער מנהג הפשוט, דאס וואס בימי הש"ס איז געווען "מהדרין מן המהדרין", אז מ'איז מוסיף מיום ליום ב"נר מצוה ותורה אור" כפשוטו, דערפון אויך פארשטאנדיק אין "נר מצוה ותורה אור" ברוחב המובן שבזה, אין כללות לימוד התורה וקיום מצוותי',

און מוסיף זיין אויך כאו"א בפני עצמו,

כמבואר בארוכה דער איצטיקער ענין פון "מהדרין מן המהדרין" איז דאס נאך מערער ווי ס'איז געווען מהדרין מן המהדרין בש"ס, וואס דעמולט איז דאך געווען צוויי באזונדערע זאכן, אדער "איש וביתו" אדער "מוסיף והולך מיום ליום", און איצטער מאכט מעןביידע זאכן צוזאמען,

און דאס ווערט אין אן אופן בלשון פון רמ"א [וכידוע דער לשון הצחות, אבער (מוסר) נושא די מציאות ווי זי איז, אז "ובני ישראל יוצאים ביד רמה", א"ת "רמה" אלא רמ"א, אז מ'פירט זיך במנהגי רמ"א, אפילו צווישן אחינו הספרדים איז דאך הולך ומוסיף אויף אננעמען אלץ מערער פון די מנהגי רמ"א אין די ענינים (עכ"פ) וואס זיי זיינען מערער לחומרה און מיט מערר הידור וכו'].

**נ.** און דערביי אויך מוסיף זיין אין דער שייכות מיוחדת, וויבאלד אז חנוכה האט א שייכות מיוחדת מיט "נר מצוה", וואס "נר מצוה" איז פארבונדן מיט "תורה אור" -

אויך אויף מאחד זיין, אריינעמען און באווארענען אז יעדער איד זאל זיין פארשריבן אין "תורה אור", אין די ליכטיקע ספרי תורה'ס הכלליים,

וואס דורך דערויף איז ער זיך מצטרף מיט הונדערטער אותיות וואס איז דער ספר תורה,

וואס אלע ספרי תורה ביחד זיינען זיך מצטרף ווארום תורה אחת לכולנה,

וואס זיי אלע זיינען זיך מצטרף ביז צו דער ערשטער ספר תורה, וואס משה רבינו האט געשריבן ווען דער אויבערשטער האט דורך אים אנגעזאגט "ועתה כתבו

לכם את השירה הזאת", צוזאמען מיט דעם "ולמדה", לימוד המביא לידי מעשה,

זאל דאס ארויס בפועל - אויך מוסיף זיין אין מבצע חנוכה, אויך אט דעם ענין, אויף באווארענען אז ביז דעמולט, עכ"פ במשך ימי חנוכה, זאל יעדער איד און אלע אידן זיין פארשריבן אין איינע פון די ספרי תורה הכללים,

**נא.** עאכו"כ די וואס האבן זוכה געווען און זיי געפינען זיך אין "צבא הגנה לישראל", זאל זיין זייער תפקיד אויף מגין זיין אויף אידן, ניט ח"ו אויף ארויסנעמען אידן פון דער אידישער לאנד, מאיזה שטח שיהי', אט וואס פאר א ווילדער טעם מ'זאל נאר ווען געבן אויף דעם -

איז דארט וואס דער אויבערשטער האט אפגעגעבן א"י צו אידן איז דאס א נחלת עולם, אויך בדורנו זה,

בפרט נאך אז מ'האט דאס אפגעגעבן און מ'האלט דאס אין אופן ניסי לגמרי, ווארום יעדער איד וואס איז בחיים חיותו בעלמא דין, לאחרי פון די גזירות וואס איז געווען בדור שלפנינו, היל"ת, איז דאס אן "אוד מוצל מאש" הגלות,

און ער איז "מוצל" כדי ער זאל מאכן א דירה לו ית' בתחתונים, בכלל אין ארץ הלזו התחתונה, עאכו"כ אין "ארץ אשר גו' תמיד עיני ה' אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה",

און אין די גבולות ווי דער אויבערשטער האט אנגעוויזן, ארץ ישראל לגבולותי' ס'איז נאר די ערטער וואס דער אויבערשטער האט פון דארט "גלינו מארצנו און זיי זיינען נאך ניט אינגאנצן ברשות ישראל, ווארום בלשון רבינו נשיאינו, ניט מיט אונזער רצון זיינען מיר געגאנגען אין גלות, ס'איז מערניט וואס "מפני חטאינו גלינו מארצנו",

דערנאך האט דער אויבערשטער אפגעגעבן גרויסע שטחים פון א"י שוין איצטער צוריק לרשות ישראל, און האט דאס אפגעגעבן אין אן אופן פון נחלת עולם, לעם עולם, ע"י הכריתת ברית אין תורת עולם, וואס דאס איז געמאכט געווארן פון אלקי עולם,

נאר ס'איז נאך דא אט די עטלעכע שטיקלעך, וואס מאיזה טעם שיהי' ווארט דער אויבערשטער אז די אידן זאלן משלים זיין אין דעם "עושין תשובה" וועט ער אויך אט די שטחים אויך צוריק אומקערן צו אידן,

און מ'דארף דאס ניט אפנעמען דוקא בכלי זיין ובמלחמה, ווארום מ'דארף דערצו ניט אנקומען - מ'וועט דאס באקומען בדרכי שלום, אויב דאס וועט זיין דער

שלום אויסגעהאלטן ע"פ התורה, וואס "דרכי' דרכי נועם וכל נתיבותי' שלום",

**נב.** און דאס איז דר איינציקער וועג אויף שלום אמיתי, ווארום דאס איז מיוסד אויף תורת אמת, וואס זי איז געגעבן געווארן פון אלקי אמת,

און ניט אויף "תורה", כביכול, וואס איז געגעבן געווארן פון שקרים, וואס בלשון העולם; מפני דרכי שלום רופט מען דאס אן בשם "דיפלאמטיע".

וואס דיפלאמטיע איז כידוע איינער פון די הויפט דיפלאמאטן האט געזאגט, אז דער ענין פון דיפלאמטיע איז - זאגן פארקערט ווי ער וויס אז עדר אמת איז! ווארום אז ניט דערף מען קיין דיפלאמט ניט זיין, דאס קען דאך טאן אן אדם פשוט אויך, דערציילן ווי די זאך איז,

און ווי מ'האט דאס געזען בפועל, אז וואו מ'איז געגאנגען בדרך של שקר, היפך תורת אמת וואס האט אנגעזאגט אז א זאך וואס דער אויבערשטער גיט אפ, עאכו"כ בדרך נס, און האט דאס אפגעגעבן לדורינו זה, ניט קוקנדיק אויף דעם מעמד ומצב אין אידישקייט ובשאר ענינים, און האט דאס אפגעגעבן בניסים גלויים - איז קיין ספק ניט אז מ'טאר דאס ניט אנרירן,

און קיינער קען דאס ניט אנרירן, דערפאר וואס דאס געהערט די נחלת עולם לעם עולם, צו יעדער אידן בכל קצוי תבל,

און וואס נאכמערער - צו יעדער אידן במשך כל הדורות שעד עתה, און צו אונזערע קינדער און אייניקלעך, איז אויב מ'וויל עס זאל זיין בא זיי שלום - דארף מען וויסן זיין אז זיי זיינען בעה"ב אויף די שטחים ר"ל וואס מ'וויל אפגעבן פון א"י, וואס געפינט זיך איצטער, באופן ניסי, אין אידישע הענט,

זאגן זיי צו יעדער אידן, אז ער האט קיין רשות ניט אנרירן די נחלה פון די קינדער און די קינדס-קינדער,

און דאס וואס ער וועל זיך איינרעדן, אז ער איז קליגער פון תורת אמת, און ער איז קליגער פון אלקים אמת, און ער איז קליגער פון דער תביעה פון קינדער און די קינדס-קינדער עד סוף כל הדוורת - האט דאס צו אים לגמרי קיין שייכות ניט!

ער איז בעה"ב אויף זי זאכן וואס זיינען ברשותו; האט קיין בעה"ב'שקייט ניט אויף די זאכן וואס געפינען זיך בא אידן עד סוף כל הדורות, קיין בעה"ב'שקייט ניט אויף די זאכן וואס געהערן צו זיינע קינדער און צו די קינדס-קינדער, וואס זיי זאגן בגלוי, אדער ניט בגלוי, בפירוש, אז זיי זיינען ניט מסכים אז מ'זאל אפגעבן עפעס-וואס פון ארץ ישראל, וואס געפינט זיך איצטער ברשות עם ישראל,

**נג.** און ס'איז א זיכערע זאך אז מ'וועט זיך שטעלן בתוקף וועט מען אויספירן,

ווי מ'האט געזען בפועל, אז אויף די זאכן וואס מ'האט זיך געשטעלט בתוקף,

און מ'איז ניט נתפעל געווארן פאר גוים, ווארום מ'איז ניט נתפעל געווארן פאר די גוי'שקייט ווס מ'האט נאך ניט ארויסגעטריבן פון חלל השמאלי שבלב כל ישראל, וואס מ'האט נאך ניט ארויסגעטריבן פון א"י - אין מען דערפאר ניט נתפעל געווארן - איז מען געגאנגען בדרך הצדק והיושר,

און דאס וואס געהערט צו אברהם יצחק ויעקב, און צו י"ב שבטים, און צו די ע' נפש וואס זיינען געווען אין גלות מצרים, און צו די ששים ריבוא דור שנכנסו לארץ בכיבוש יהושע בן־נון - איז קיינער קיין בעה"ב ניט אפגעבן דערפון אפילו "שעל", אפילו א חצי "שעל", אפילו אויף א נקודה, ווארום דאס איז ניט זיינע!

נוסף אויף דעם ענין אז דאס איז א מלחמה מיט אלקי עולם, מיט ה' אלקי הצבאות, בשעת מ'נעמט־צו פון "ארץ אשר גו' תמיד עיני ה' אלקיך בה" און מ'וויל דאס אפגעבן צו א גוי ר"ל!

האט ער מלחמה ניט נאר מיט תורת ה' - ער האט א מלחמה מיטן אמת'ן בעה"ב פון א"י, וואס דאס איז דער אויבערשטער אליין - ה' אלקי הצבאות!

נאר "ברצונו" איז נאך דא עטלעכע שטחים וואס דער אויבערשטער וויל נאך ניט אפגעבן צוריק תחת יד ישראל,

און די איינציקע סיבה אויף דעם האט מען ניט וואס צו זוכן ווייטער, דאס זאגט יעדער איד, און דוקא ווען ער איז אין א יו"ט'דיקער שטימונג, און האט ניט קיין דאגות, זאגט ער בפירוש, ובפני כל עם ועדה, אז "מפני חטאינו גלינו מארצנו",

און אז עס ווערט בטל די סיבה, איז בדרך ממילא ווערט בטל דער מסובב, ובלשון הרמב"ם, אז גלייך אז "עושין תשובה" איז "מיד הן נגאלין", וועט מען אויך באקומען צוריק אט די שטחים וואס משחרב ביהמ"ק געפינען זיי זיך נאך ביי אוה"ע,

און מ'וועט זיי באקומען צוריק בדרכי נועם ובדרכי שלום, און אויך ביז דעמולט וועט זיין שלום בישראל, און שלום בין ישראל לעמים, ווארום די פעלקער וועלן פילן אז ניט מ'נארט זיי אפ, און ?? זאגט זיי ענינים וואס זיי זיינען היפך פון תורת ישראל,

און זיי זיינען סיי־ווי חושד אז מ'זאגט דאס מערניט ווי בדיבור, און גלייך הונטער ארום זוכט מען עצות אויף דאס מבטל זיין, און סיי־ווי האט מען גארניט אויסגעפירט מיט די ענינים של שקר, ווארום "שקר אין לו רגלים", און האט ניט קיין קיום, און עס ווערט בטל,

**נד.** ויה"ר אז דאס זאל בטל ווערן אין דרך הטוב הנראה והנגלה, ווארום יעדער איד יערה עליו רוח ממרום און ער וועט גיין מכאן ולהבא, וב"כפליים לתושי'" לויט די אנווייזונגען פון הלכה,

הלכה ניט ח"ו "מגלה פנים בתורה שלא כהלכה", און האט נאך אין זיך די ברייטקייט צו זאגן אז דאס איז הלכה, איז דאס היפך פון הלכה שבתורת אמת, ווארום זי איז געבויט אויף עדות של אמת, און זי איז געבויט אויף א חקירה ודרישה למצב הדברים,

ניט מ'פארלאזט זיך אויף עדות וואס האבן גענומען שוחד, און ניט מ'האט ניט בא זיך דעם געדולד גיין און פרעגן און חו"ד זיין ווי איז דער מצב הבטחון אין א"י, און צי אט דער שטח וועט איינשטעלן אין סכנה צי ניט - פארלאזט מען זיך אויף א תינוק, ווארום ער איז שוין נאך בר־מצוה און אין בו דעת.

ובפרט נאך ער האט נאך באקומען שוחד - איז "יעוור" אפילו "עיני חכמים", עאכו"כ איינער וואס ער איז מלכתחילה איינער וואס איז גאר מלכתחילה קיין חכם ניט געווען, "ויסלף דברי צדיקים",

וואס אלע ווייסן דעם שוחד וואס די עדות וואס מ'האט מקבל געווען עדותם האבן באקומען, און על יסוד זה וויל מען ר"ל פסק'נען א דין, א דין וואס איז נוגע אין פקוח נפש און אין בטחון פון דריי מליאן אידן, כ"י וואס געפינען זיך אין ארץ הקודש, וואס "עיני ה' אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה" - און ר"ל נוצן זיך מיט נאמען פון תורת ה', אויף מלחמה האבן מיט א פס"ד ברור אין תורת ה', אז מ'טאר ניט אפגעבן קיין שעל, ווארום תפתח הארץ לפניהם היל"ת,

און די טענות כביכול, אז דא איז א סדר אין תורה פון הייסן גנב'נען צייטונגען, און א סדר אין תורה פון זאגן דברים בטלים ומבוטלים, אן קיין מקור אין תורה, נאר כך עלה בדעתי אויף צו זאגן דברים בטלים ומבוטלים, איז דאס מבטל א פס"ד ברור אין שו"ע חלק או"ח הלכות שבת -

איז לא היתה כזאת בישראל!!!!!

און א זיכערער זאך אז דאס וועט ניט מצליח זיין! אפילו ר"ל דאס וועט מצליח זיין כרגע קטן, מפני חטאינו, וועט מען זיך גלייך כאפן צו דעם טעות שאין לו יסוד כלל וכלל, האט קיין יסוד ניט אין תורת אמת - אויף אפגעבן א שטח מישראל וואס רירט אן דעם בטחון פון כל א"י,

און ווי דער ב"י און מפרשים און די גמרא אין עירובין וכו' האבן געקענט לערנען תורה, און גע'פסק'נט דינים, און האבן חו"ד געווען אליין, אדער דורך עדים

נאמנים, מצב הדברים כפי שהם,

ובפרט נאך אז מ'האט בפירוש געזאגט אז דער האט באקומען דעם שוחד, און א צווייטער האט באקומען א צווייטן סארט שוחד, און אויף א דריטן האט איינער פון זיי אליין געזאגט אז מ'קען זיך ניט פארלאזן אויף זיינע ווערטער, פארלאזן זיך אז מ'זאל זיי ניט דרוקן, ווארום אלע ווייסן אז ער איז ניט נארמאל! אט דאס איז געווען דער לשון, און וואס מ'האט דאס געזאגט בנוגע לפועל, און מ'ווייס ווער דאס האט געזאגט, וועגן וועמען ער האט דאס געזאגט, צו וועמען ער האט דאס געזאגט,

און אעפ"כ בשעת מ'האט געפרעגט מיט עטלעכע טעג צוריק – האט מען זיך צוגעהערט צו זיינע ווערטער!

איינשטעלנדיק, וויסנדיק אז דאס איז פקו"נ פון דריי מליאן אידן, ניט מטריח זיין זיך גיי־צו פרעגן ביי א מומחה לאותו ענין ווי איז דער מצב הצבא און דער מצב הבטחון אין חודש כסלו תשמ"ב,

און האבן אויף זיך די שטארקייט אויף צו זאגן אז וויבאלד אז דאס איז פקו"נ – בין איך מודה אז עכ"פ מכאן ולהבא איז דער דין איז אז עם ישראל לארץ ישראל, דער חילוק איז נאר אט דאס וואס דער אויבערשטער האט שוין אפגעגעבן, און בנוגע וואס דער אויבערשטער האט נאך ניט אפגעגבן – איז אל תתגרה באומות,

און ידוע דער סדר, אז פונקט אזוי ווי מ'האט געהייסן גנב'נען צייטונגען לפני זה, און שלאגן לפנ"ז,

אריינגעפירט א נייעם סדר אין לימוד התורה און פסקי הלכות. און דאס שטאמט אלץ פון אט די עדים!

**נה.** איז יה"ר אז ביום סגולה זה, וואס ס'איז געווען דער "פדה בשלום נפשי", איז "העמים והשרים", די אוה"ע, ווייסן שוין פון לאנג און ווילן זיך ניט טשעפען מיט אידן, די איינציקע וואס טשעפען זיך מיט אידישקייט – איז "מהרסיים ומחריבייך ממך יצאו", די עדי שקר וואס האבן באקומען שוחד,

און מ'ווייס ווער זיי זיינען, שמם ושם אביו ושם אמו, און וואו זיי געפינען זיך, און מ'רופט זיי עד היום הזה, און מ'פארלאזט זיך אויף זיי אויף מפרסם זיין א דין ברבים, און א דין וואס רירט

און ויה"ר אז יערה עליהם רוח ממרום, א רוח טהרה,

וואס דעמולט וועט אראפגענומען ווערן, אראפגעווישט ווערן, מ'וועט ארויסווארפן, די עדי שקר, מיט די חנפים און די מלשינים און די להה"ר, אלע ד' כתות

הידועות - וועט מען זיי ארויס ווארפן פון מחנה ישראל, פון כלל ישראל,

ארויסווארפן די חטאים שבהם, אבער ניט די חוטאים, ווארום זיי אליין וועלן אויך תשובה טאן,

ויפה שעה אחת קודם, ווי מ'האט געזאגט פריער אז דער רמב"ם זאגט אז "הבטיחה תורה" אז יעדער איד מוז תשובה טאן, עס וועט זיין קיין זאך ניט העלפן, סוכ"ס וועלן זיי תשובה־טאן, מ'האט זיי אפגעגעבן די בחירה זיי זאלן דאס א רגע אחת קודם, און זיי זאלן דאס טאן בדרכי נועם ובדרכי שלום, "ומיד הן נגאלין", פון זייער גלות הפרטי, וואס דאס ווערט א חלק און דאס איז ממהר דעם "אחישנה" אין דעם גלות הכללי,

**נו.** עס זאל זיין די גאולה האמיתית והשלימה, דורך קץ שם לחושך, ווארום אלע ווייסן אז מ'געפינט זיך נאך אין גלות, וואס דערפאר איז די שטחים וואס דער אויבערשטער האט נאך ניט אומגעקערט (פון ארץ ישראל לגבולותי') איז "אל תתגרה באומות";

אט דאס אבער וואס דער אויבערשטער האט זיי שוין גואל געווען, און אפ געגעבן לרשותם של ישראל - איז דער אויבערשטער דא דער איינציקער בעה"ב, און האט דאס איבער געגעבן אין א נחלת עולם, פאר אברהם יצחק ויעקב און די קינדער און אייניקלעך, בדרכי נועם ובדרכי שלום, ווארום אט דאס איז דער דרך היחידה צו א שלום של קיימא, און א שלום של אמת, נאך אין זמן הגלות,

און אויף דערויף קוקן ארויס אוה"ע: ווען וועלן אידן אנהויבן דערציילן וואס זיי טראכטן, וואס אוה"ע פארשטייען ווי א איד דארף טראכטן בנוגע צו א"י,

און אז ער הויבט מיט אים אן רעדן מיט א דיפלאמאטישן לשון, און שלאגט־זיך־אן, אפשר וועט מען ביי אים [בא אידן] צונעמען נאך א שטיקעלע און נאך שטיקעלע, וואס דורך דערויף וועט מען נושא־חן זיין, און מ'וועט פארשריבן אז מ'איז אן איש צדק ויושר וכו' -

סיי־ווי גלויבט אים ניט דער גוי, נאר ער רעכנט אז ער זאגט דאס אים בפה, און נארט אים אויס מאחורי הפרגוד, צי מגבו אדער בלבו, ווארום ער רעדט ניט מיט א אידישן לשון;

ער רעדט טאקע מיטן לשון וואס מיט אותיות מרובעות; דער תוכן איז אבער גענומען פון "קול עלה נדף",

וואס דאס איז איינע פון עקבתא דמשיחא, צום סוף כל הענינים, "ונסתם

מפני קול עלה נדף״, ווארום ״ורודף אין״, דער איינציקער ״רודף״ איז - די גוי׳שקייט וואס איז דא אין חלל השמאלי, און וואס זי איז מפחיד א אידן אז דע גוי טראכט אזא זאך, וואס ער טארכט גארניט, ווארום ער וויל מ׳זאל אים לאזן צורו, ער האט גענוג אייגענע צרות,

ווי ס׳איז געווען ביז איצטער, כידוע וכבר מפורסם די טעות׳ן וואס האבן מסכן געווען בטחונו של עם ישראל כולו עד עתה דורך דעם חתמ׳נען דעם חוזר אין ״קעמפ דיוויד״,

**נז.** איך ויל בפירוש ניט זאגן ״מחנה דוד״, ווארום דאס איז היפך פון ״דוד מלך ישראל חי וקיים״, דאס איז היפך פון ״מחנה״, ווי א מחנה איז פארבונדן מיט מחנה כהונה, אפילו מיט מחנה לוי׳, אפילו מיט מחנה ישראל - דאס איז ניט אן ארט וואס א איד קען דארטן האבן א חני׳, ווארום דאס איז שקר],

און פאר די צייט וואס איז פון דעמולט דורגעגאנגען - האט מען געזען די צרות וואס מ׳האט גורם געווען דורך חתמ׳נען יענעם פאפיר, מ׳האט אלץ אפגעגעבן - קיין זאך ניט באקומען נגד זה, די איינציקע זאך וואס מ׳האט באקומען ״תן לי״, אז מ׳זאל געבן אלץ מערער און מערער!

אפגעבן דעם בטחון הכי חזק, דעם נעפט, וואס דאס איז געווען א זאך וואס קיינער האט זיך ניט משער געווען אז עס וועט זיך געפינען איינער ווס וועט האבן אין זיך א שטארקייט צונעמען אמצעי בטחון ההכרחי פון א גאנצן פאלק פון דריי מליאן - און אפגעבן דאס די ש (רצה לומר שם השדות) (ווי עס האט דעמולט געהייסן) להפקר, אין 42 שעה ארום איז דאס געווען ברשותו המלאה פון דעם צד שכנגד!

און ס׳איז ניט דער פשט אז דאס האט מונע געווען מלחמה - אלע ווילן שלום, די מחלוקת איז נאר, צי דאס איז די וועג וואס פירט צו מלחמה אדער די וועג וואס פירט צו שלום -

ווייס יעדער מענטש וואס ער קען א טבע פון א מענטשן, אז בעת דער נתבע ווערט שוואכער - ווערט דער תובע שטארקער;

אז מ׳וויל האבן א תפיסת מקום און מ׳וויל אז מ׳זאל זיך רעכענען, די אוה״ע, מיט א״י - דארף א״י זיין שטארק מיט דער שטארקייט מיט וועלכע זיי פארשטייען און רעכענען זיך מיט זיי;

בשעת מ׳האט אפגעגעבן די נאפט - האט מען באוויזן די גרעסטע שוואכקייט דורך אפנעמען די אמצעי בטחון הכי חשובים און הכי עיקרים, אפגעבן דאס דעם

צד שכנגד,

וואס דאס האט גלייך באוויזן מיט וועמען מ'האנדלט, אז מ'קען בא זיי מאנען אלץ מערער און מערער, און מ'האט דאס אזוי געטאן,

און מ'האט מחליט געווען בא זיך, אז וואס דארף מען טראכטן וועגן מלחמה - בשעת מ'קען באקומען די אלע ענינים אן מלחמה!

ניט דאס האט מקרב געווען דעם ענין השלום, ניט דאס האט ממעט געווען סכנת מלחמה - דאס האט ניט מוסיף געווען אין ענין השלום, ווארום קיינער יאגט זיך ניט צו מאכן שלום מיט איינעם וואס האט קיין כח ניט!

ובפרט נאך אז ער האט א שוועסטער־קינד און א צווייטע אומה וואס הייסט אים גיין מלחמה האבן מיט א שוואכן, און וואס דער שוואכער איז שוואכער - ווערט בא יענעם אלס מערער נכונות און צוגעגרייטקייט אויף גיין דער היפך [השלום],

**נח.** וכמדובר כמ"פ: ס'איז ניט דער פשט אז מ'האט ניט געדארפט חתמ'נען אז מ'וויל ניט פירן קיין מלחמה, ניט וועגן דערויף רעדן זיך!

ווי גערעדט אמאל בארוכה בשעת מ'וויל פארדרייען א זאך - איז מען מתאר (מאלט מען אפ) די מציאות ניט ווי זי איז: עס האט זיך ניט געהאנדלט אז אויב מ'וועט ניט מסכים זיין אפגעבן די נעפט וועט מען ניט חתמ'נען קיין פאפירל, און מ'וועט פירן מלחמה, און אויב מ'וועט יע אפגעבן די נעפט - וועט מען חתמ'נען דעם פאפיר, און מ'וועט ניט פירן קיין מלחמה -

חתמ'נען א פאפיר און ניט פירן קיין מלחמה בשעה ההוא - האט געמוזט ארה"ב דורכפירן צוליב אירע אינטערעסן!

אפילו אז מ'וואלט קיין זאך ניט נאכגעגעבן, מ'וואלט נאר מבטיח געווען אז מ'וועט ניט גיין ווייטער, ווי מ'האט דעמולט געטאן מיט דער דריטער ארמיי,

וכידוע, אין כאן המקום איבער'חזר'ן א זאך וואס מ'האט שוין גערעדט כמ"פ: מ'האט געהאלטן אין האנט און דערנאך אפגעגעבן ענינים פון חו"ל - דאס וואס האט אבער קיין שייכות ניט צו בטחון, אדער דאגס האט עכ"פ שייכות קצת לבטחכות,

ד.ה. אין אנדערע ווערטער: אט דאס וואס מ'האט אט די מנוחה דעם זמן שבינתיים, ניט שלום, נאר מנוחה, ס'איז ניט קיין מלחמה, איז דאס ניט דערפאר וואס מ'האט ניט געהאט קיין ברירה מ'האט געמוז אפגעבן די נעפט - דאס איז דאפאר וואס מ'האט גע'חתמ'ט א פאפיר, מ'איז ניט אוועקגעפארן ברוגז'ערהייט,

און אז מ'וואלט ניט געגעבן די נעפט - ואלט אמעריקע מכריח געווען דעם

צד שכנגד אז מ'זאל אעפ"כ חתמ'נען דעם פאפיר, און ניט פירן קיין מלחמות, ווארום דאס איז לטובת פון ארה"ב,

און ניט נאר לטובתם - דאס איז געווען דער הכרח.

און עד"ז אין אלע ויתורים וואס מ'האט געמאכט נאך דערויף איז ניט דער פירוש אז דאס האט נעענטער געמאכט דעם שלום - יעדער ויתור האט געמאכט שוואכער דעם צד וואס האט מוותר געווען,

און דעמולט ווייס כל העולם כולו אז בשעת דער צד המותר ווערט שוואכער, רעכעט מען זיך מיט אים ווייניקער, און מ'מאנט פון אים מערער, און מ'איז מאיים אז טאמער ניט וועט זיין ר"ל מלחמה.

און בשעת מ'שטעלט זיך בתוקף און מ'איז ניט מותר - אט דעמולט יענער דארף האבן די מנוחה מערער ווי מ'דארף דאס האבן דא.

בד"א - אז מ'האט נאך עפעס כח גשמי אין דרך הטבע, ניט, ר"ל, אפגעגעבן די נעפט, אפגעגעבן די שטחים, ר"ל, מ'גרייט זיך איצטער אז ווען עס וועט דורכגיין נאך אזויפיל און אזויפיל זמן וועט מען ווייטער אפגעבן נאך א שטח און נאך א שטח - וואס יעדער שטח האט אין זיך דעם פס"ד ברור פון שו"ע "תפתח הארץ לפניהם"!

**נט.** און ויה"ר, כמדובר, אז נאך פאר חנוכה, איז די הכנות צו חנוכה הויבן זיך דאך שוין אן,

וואס חנוכה איז געווען, אז בשעת מ'איז געווען "עוסקי תורתך" איז אט דעמולט אין מען ניט נתפעל געווארן ניט פאר "גבורים" און ניט פאר "רבים", מיט די אלע ענינים וואס ווערט דארט אויסגערעכנט,

ובפרט נאך אז איצטער האט מען מלוכות אדירות וואס זיי שטייען לצד זה, נאר בשעת עס געפינט זיך איינער פון זייער הנהלה און פרואווט זיך עפעס ארויסקריגן, ארויסקוועטשן נאך עפעס - דערשרעקט מען זיך גלייך, און מ'גיט אפ, און מ'גיט אפ ענינים חיוניים לבטחון הארץ ולדרים עלי'.

און אויף איבער'חזר'ן נאכאמאל: "קעמפ דיוויד", דער אפגעבן דעם נעפט דעמולט האט ניט אויפגעטאן אז עס זאל ניט געפירט ווערן קיין מלחמה - דאס וואלט מען באקומען, וביתר תוקף, וביתר קיום - ווען מ'גיט ניט אפ דער נעפט, אבער מ'חתמ'ט דעם פאפיר, וואס דארטן וואלט געשטאנען אנדערע ענינים, וואס רירן ניט אן קיין נטחון פון אידן, וואס דאס איז פארבונדן מיט בטחון פון אידישקייט - אן קיין בטחון פון אידן, וואס דאס איז פארבונדן מיט בטחון פון אידישקייט -

האט ארצות הברית געהאט דעם הכרח אז מ'מוז חתמ'נען א פאפיר,

וואס דערפון פארשטאנדיק, כאמור, אז דורך דעם אפגעבן דעמולט דעם נעפט, דורך דעם אפגעבן לאחרי זמן אין דע זעלבער שיטה, נאך שטחים מיט נאך "עיר פילדער", שטחים פון וועלכע מ'קען מאנעווירירו און פליען וכו', און היל"ת, ווי מ'רעדט עכ"פ בדיבור וועגן אפגעבן נאך ענינים של שטחים וואס זיי זיינען פארבונדן מיט בטחון באופן ישר -

איז דער רעדן אליין שוואכט שוין אפ דעם מעמד ומצב, ווארום דאס אליין באווייזט אז מ'געפינט [זיך] און מ'לעב אין א פחד און א מורך לב, און אין אן ענין פון "קול עלה נדף",

ווארום דארטן דארף מען האבן די מנוחה מער ווי דא, און פארקערט: נאכגעבנדיק, אפגעבנדיק, עפעס-וואס, וויבאלד אז דאס מאכט שוואכער דעם צד המותר - מאכט דאס ר"ל נעענטער סכנת המלחמה.

און ויה"ר כמדובר, מ'זאל יוצא זיין מיט רעדן די עניינם, און בפועל זאל זיין דער "ונתתי שלום בארץ",

אנהויבנדיק פון דעם יום הסגולה פון ר"ה לחסידות ולדרכי החסידות, פון י"ט כסלו, דורך דערויף וואס מ'וועט זיך פארבינדן מיט "נשמתא דאורייתא", מיט דעם רוח און דער נשמה פון אידישקייט, און מקיים זיין מצוותי' בפועל, וואס המעשה הוא העיקר,

וועט נאך זיין אין זמן הגלות דער "בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמרו ונתתי גשמיכם בעתם, ונתתי שלום בארץ", ווארום עס וועט זיין "ואולך אתכם קוממיות", מ'וועט שטיין מיט א "קומה זקופה",

וואס דאס איז פארבונדן מיט "בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמרו", פירן זיך לויט דעם אמת'ן פס"ד פון תורת אמת,

און דעמולט וועט מען בקרוב ממש פארענדיקן דעם עונש וואס "גלינו מארצנו" אין חו"ל, און "גלינו מארצנו", פון אידישקייט אין א"י ר"ל, מצד דעם פחד וואס מ'האט פאר גוים און פאר גוי'שקייט,

און מ'וועט שטיין בקומה זקופה בכל עניני תורה ומצוותי', ואדרבא, ווי רש"י טייטשט אפ "שתהיו עמלים בתורה", און דער לימוד וועט זיין על מנת וואס "מצוותי תשמרו ועשיתם אותם",

וואס דס באווייזט אויף "ואולך אתכם קוממיות", אויף די "קומה זקופה" האמיתית,

און מ׳וועט גיין ״ביד רמה״ וב״קומה זקופה״ פארענדיקן די לעצטע רגעים אין גלות,

און מקבל זיין פני משיח צדקנו בגאולה האמיתית והשלימה,

וואס די אופנים אויף נאכמען צוהיילן דאס - איז, כאמור, אז יעדער איד זאל זיך כולל זיין דורך אן אות אין איינע פון די ספרי תורה הכללים, עאכו״כ די אנשי צבא הגנה לישראל, עאכו״כ די אלע וואס זיינען זיך עוסק אין בטחון פון א״י האמיתי, בטחון כפשוטו, וואס איז פארבונדן מיט בטחון האמיתי, פארבונדן מיט אידישקייט און תורה ומצוותיה׳, זאל יעדערער האבן אן אות אין תורה בפועל,

וכמדובר לעיל, וועט מען מיטנעמען די אלע אידן מיט די אלע ספרי תורות, ובנערינו ובזקנינו ובבנינו ובבנותינו, וועט מען גיין מקבל זיין משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש,

און פראוועןן אלע צוזאמען חנוכה בארצנו הקדושה, ארץ אשר גו׳ תמיד עיני ה׳ אליך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה, די ״הנרות הללו״ וואס ״אינן בטלין לעולם״,

בהוספה אויף דעם ״בהעלותך את הנרות״ אין בית המקדש השלישי, שיבנה ע״י משיח צדקנו,

במהרה בימינו ממש.

כ״ק אדמו״ר שליט״א התחיל לנגן ״ווי וואנט משיח נאו״.

**ס.** צוה לנגן ואמר מאמר ד״ה פדה בשלום וגו׳.

## שיחה ט.

**סא.** אויף דעם סיכום הדברים, נאכאמאל איבער׳חזר׳ן בנוגע צו אלע הפצת היהדות והפצת התורה בכלל, און הפצת המעיינות במיוחד, ביז אין ״חוצה״, וואס דאס איז דאך פארבונדן מיט י״ט כסלו,

ובענין שהזמ״ג: אזוי ווי איצטער איז דאך שוין ״מעלי שבתא״ וואס הויבט זיך אן פון יום הרביעי – בנוגע צו דעם מבצע פון נרות שבת קודש,

וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט א סעודה, וואס א סעודה חשובה איז דאך ניט סעודת ימות החול, נאר סעודת יום השבת – כשרות האכו״ש דארף זיין בכל הסעודות, נעמט דאך אבער די קדושה פון סעודת שבת וואס דאס איז א מצוה מה״ת

לענגו במאכל און אויך במשתה, ובפרט קידוש על היין,

וואס דאס איז פארבונדן מיט "מטה מוצעת", וואס מ'געפינט ב"מעלי שבתא" די אלע דריי ענינים: דער ענין פון טהרת המשפחה,

וואס זיי אלע זיינען דאך מיוסד אין אן אופן פון אהבת ישראל,

פארבונדן וואס מ'איז זיך מחנך, און מחנך אלע צו וועלכל מ'קען דערגרייכן, אין א חינוך ווי דרמאנט פריער, אז דער חינוך איז אין אן אופן אז "דעתאי עלייהו", אפילו ווען ער וועט אוועקגיין פון אים – זאל ער אים באווארענען ער זאל ממשיך זיין אין א סביבה וואו ער וועט האבן א תורה־השפעה, א אידישע השפעה, און וועט ניט דארפן האבן קיין מלחמה מיט די השקפה וואס מ'הארט אים געגעבן פריער, ע"י דברים היוצאים מן הלב, אין דברי יהדות, תורה ומצוותי',

וואס בכללות איז דאס טיילט זיך פאנאנדער אין תורה און תפילין, וואס הוקשה כל התורה (המצוות) כולה לתפילין", און מזוזה און צדקה, "בית מלא ספרים – יבנה וחכמי'",

און די מבצעים פארבונדן מיט נשי ובנות ישראל,

און דער מבצע המיוחד – די הכנות לנר חנוכה, כמדובר לעיל,

און אין דערויף אויך מוסיף זיין דעם מבצע וואס איז במיוחד פארבונדן מיט אהבת ישראל, און מיט תורה, און מיט אחדות ישראל, פארבונדן ואיך מיט "ויחן שם ישראל" "כאיש אחד בלב אחד", אז יעדער איד זאל האבן אן אות אין תורה,

אנהויבנדיק פון קטנים וקטני קטנים, ביזס ראשיכם שבטיכם, ביז א גדול שבגדולים, אין איינען פון די ספרי תורה הכללים,

ובקרוב ממש, ויפה רגע אחת קודם, ניט נאר שעה אחת קודם [אדער א לאידך גיסא: "רגע" עכ"פ איז דאך "רגע כמימרא", דאס פארנעמט א צייט וואס מ'דארף ארויסרעדן דריי הברות (אדער צוויי הברות, ווי מ'וויל דאס רעכענען, צי מ'רעכענט דעם עיין איז אויך ממשיך די הברה פון פתח צי ניט), איז דא נאך א קירצערע צייט – וואס דאס איז דער ענין פון "שעה", איין קער, נקודת הזמן, איז דאס אלץ "קודם" אין דעם ענין].

ובמיוחד פון די וואס געפינען זיך און זיינען מגין אויף אידן בגופן כפשוטו, ביז אין אן אופן פון מס"נ – זאל יעדערער פון זיי אויך האבן דעם כלי בטחון הכי חזק – די התקשרות מיט נותן התורה, דורך אן אות אין דער ס"ת וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן בתוככי כלל ישראל.

**סב.** און די אלע מבצעים ביחד זאל נאך ברענגען, וויבאלד אז מ'איז שוין מחליט בזה, איז א החלטה אין א דבר טוב איז דער פס"ד אין שו"ע (און די ראי' פון דניאל "בגוב האריות", ובגלות בבל), אז ער האט געמאכט א החלטה טובה האט ער גלייך באקומען דעם שכר הבא עי"ז,

עד"ז אויך בענינינו, אז וויבאלד אז מ'איז מחליט אז מ'מוז טאן תשובה – זאל גלייך זיין דער שכר – דער "ומיד הן נגאלין", נאך קודם מילוי ההבטחה,

גאולה האמיתית והשלימה, וכפשוטה, ע"י משיח צדקנו,

און מ'וועט גיין אלע צוזאמען בארץ הקודש, "ארץ אשר גו' תמיד עיני ה' אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה", יעדער איד און אלע אידן, צוזאמען מיט זיין חלק בתורה און מיט דער גאנצער תורה,

און געפינען אויך די ארץ בשלימותה, און נאך מערער – אין "ירחיב הוי' את גבולך",

ובמהרה בימינו ממש.

כ"ק אדמו"ר שליט"א התחיל לנגן ניגון הקפות לאביו רלוי"צ ז"ל.

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה – וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

טרם צאתם התחיל לנגן "כי בשמחה תצאו".

• • •



Photo credit: JEM / The Living Archive